STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01622

DOS MEGLEKHE UN UMMEGLEKHE

Solomon Simon

Permanent preservation of this book was made possible by Mildred Guberman Kravetz in memory of Dora & Harry Katz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה סיימאָן / ניו־יאָרק

דאָס מעגלעכע און אוממעגלעכע

אַן אָפּדרוק פון „אַלמאַנאַך יידיש"

תשכ"ב — 1961

שלמה סיימאָן / ניו־יאָרק

דאָס מעגלעכע און דאָס אוממעגלעכע

אַ מתּנה מײַן חבר
נפֿתּלי קראַוויץ

א.

דער ייִדישער מקור פֿון עטיק

דער ייִדישער וועלט־באַנעם האָט זײַן ספּעציפֿיש אייגנאַרטיקן צוגאַנג צום מקור פֿון עטיק. נאָך דעם ייִדישן קוק, איז דער מקור פֿון עטיק דער באַפֿעל פֿון אַ טראַנסצענדענטאַלן כּוח וואָס פֿירט די וועלט, און ניט אַלע מאָל קאָנען מיר זיך דערגרונטעווען צו דער סיבותדיקייט פֿון זײַן רצון. אונדזער עטיק איז אויך דער פּועל־יוצא פֿון דער גרופּע־מאָראַל, וואָס צווינגט אַרויף אויף אונדז ספּעציפֿישע הנהגות און מאָראַלישע התחײַבֿותן. אָבער די דאָזיקע מאָראַלישע נאָרמעס זײַנען נישט בלויז אימפּעראַטיוון צו פֿאַרשטאַרקן די עקסיסטענץ פֿון דער גרופּע אָדער פֿאַרזיכערן איר קיום, נאָר אויך אַ וועג אַז די גרופּע זאָל ווערן אַ געהייליקטע געמיינדע און קריגן אָן אָפּגלאַנץ פֿון דעם שעפֿער פֿון דער וועלט, וואָס איז דער סימבאָל פֿון מאָראַלישער פּערפֿעקציע.

די ייִדישע עטיק איז געבויט אויף דעם יסוד פֿון דעם אייגנאַרטיקן נבֿיאישן מאָנאָטעיִסטישן גאָט־באַגריף.

די נבֿיאים האָבן באַנומען גאָט ווי אַ כּוח אָן וועלכן צובונד צו דער מאַטעריאַליסטישער וועלט. ער איז אויסער דער נאַטור און אויסער דעם קאָסמאָס. די נבֿיאים האָבן באַפֿרײַט גאָט פֿון וועלכער ס׳איז צוגעבונדנקייט צו דער נאַטור אָדער צום פֿאַטום. זײַנע באַפֿעלן צו מענטשן צו זײַן גוט און ערלעך האָבן נישט צו טאָן מיט מענטשלעכער דערפֿאַרונג. אָבער אין די אויגן פֿון די נבֿיאים איז דער ייִדישער גאָט ניט אַזוי אַבסטראַקט, אַז ער איז אָפּגעריסן פֿון דער וועלט; ער איז ניט קיין גאָט וואָס זיצט רויִק און שטיל און באַנוגנט זיך מיט זײַן אייגענער עקסיסטענץ און האָט גאָר ניט וואָס צו טאָן מיט דער מענטשלעכער וועלט און מיט דעם מענטשלעכן גורל. נײַן, ער איז אַ גאָט פֿון טואונג. נישט נאָר דער מענטש זוכט אַ וועג צו גאָט, נאָר גאָט נידערט אַראָפּ צום מענטשן און לערנט אים גיין אין זײַנע וועגן.

די דאָזיקע צוויי מאַניפֿעסטאַציעס פֿון גאָט ווערן קלאָר אויסגעדריקט אין פּסוק: „ווײַל אַזוי זאָגט דער הויך דערהויבענער, וואָס רוט אין אייבי־קייט, וואָס זײַן נאָמען איז הייליק: איך רו אין דער הויכקייט און אין היי־ליקייט, אָבער איך בין אויך מיט דעם דערשלאָגענעם און געפֿאַלענעם אין

געמיט, אויפֿצומונטערן דעם מוט פֿון די געפֿאַלענע און אויפֿצולעבן דאָס האַרץ פֿון די דערשלאָגענע" (ישעיה נ"ז, ט"ו).

די דאָזיקע צוויי סתּירותדיקע מאַניפֿעסטאַציעס פֿון גאָטס עקסיסטענץ שפּיגלען זיך אָפּ זייער קלאָר אין די מאַמרי חז"ל, אין מאַמרים וואָס זײַנען זיך אויך סותר און מע דאַרף ניט פֿאַרענטפֿערן די סתּירות, ערשטנס ווײַל דער מקור איז אין תּנ"ך, און שנית, ווײַל „אין קיין שום אָרט אין תּלמוד געפֿינט זיך ניט קיין שום אײַנגעשטעלטע שיטה וועגן דעם תּוך פֿון דער ייִדישער אמונה. דערפֿאַר איז אוממעגלעך צו באַשטימען פּינקטלעך די גרענעץ צווישן אַן אַלגעמיינער אָנגענומענער מיינונג און דער מיינונג פֿון אַ יחיד. דאָס איז ערשט באַשלאָסן געוואָרן אין דער שפּעטערדיקער אַנטוויקלונג פֿון ייִדישקייט" (יצחק יוליוס גוטמן, הפֿילוסופֿיה של היהדות, ז' 44)*.

וועגן יענע חז"ל וואָס האָבן אַנגענומען נאָר דעם נבֿיאיש־אַבסטראַקטן באַגריף פֿון גאָט וואָלטן מיר געזאָגט אויף אונדזער הײַנטיקן לשון, אַז זיי האַלטן אַז אַלע מיצוות, אָן אַן אויסנאַם, אַפֿילו די מיצוות וואָס די באַלוינונג פֿאַר זיי ווערט אָנגעגעבן און ס'איז גרינג צו געפֿינען אַ טעם פֿאַר זיי, אַ פֿאַרוואָס, אַ געזעלשאַפֿטלעך־עטישע דערקלערונג, — אויך די דאָזיקע מיצוות זײַנען ניט מער ווי געבאָטן פֿון אַ טראַנסצענדענטאַלער מאַכט, אַן אַבסאָלוטע פֿאָדערונג פֿון אים, וואָס איז ניט צוגעבונדן צו גרופּע־דערפֿאַרונג. אויף אונדזער הײַנטיקן לשון — אַ קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו.

זאָגט די משנה:

„האומר על קן צפור יגיעו רחמיך משתקין אותו" — ווען איינער זאָגט בײַם דאַווענען צו גאָט: אַזוי ווי דײַן רחמנות דערגרייכט דעם פֿויגלס נעסט אַזוי זאָלסטו אויף אונדז רחמנות האָבן, הייסט מען אים שטיל שווײַגן (ברכות פּרק ה', משנה ג'; מגילה פּרק ד', משנה ט').

אין דער גמרא גייט אָן אַ פּלוגתּא: איין אמורא האַלט אַז מ'טאָר אַזוינס ניט זאָגן צוליב אַן עטישן טעם, ווײַל עס ווערט אויסקומען אַז דער רבונו של עולם האָט רחמנות בלויז אויף פֿייגל און ניט אויף אַנדערע ברואים, דער אַנדערער אמורא זאָגט, אַז מע מאַכט אים שווײַגן ווײַל מע טאָר ניט באַטראַכטן גאָטס געבאָטן פֿון מענטשלעכע געפֿילן ווי רחמנות, נאָר ווי באַפֿעלן, ווי גזירות, פֿאַר וועלכע מע דאַרף ניט זוכן קיין טעמים, קיין פֿאַרוואָס (ברכות דף ל"ג, ע' ב').

רש"י טײַטשט „גזירה" אַ חוק, אַ געזעץ, וואָס האָט ניט קיין טעם, און אומגלייביקע האַלטן אַז די מיצווה האָט ניט קיין זין און גלייביקע טאָרן ניט נאָכטראַכטן וועגן דעם זין.

לויט דער דאָזיקער משנה, טאָר מען ניט זוכן אָדער געבן קיין טעם צו אַלע מיצוות, ניט נאָר צו די ריטואַלע געבאָטן וואָס קאָנען ניט האָבן

* זע מער באַריכות וועגן דעם אין מײַן אילוזיע און וואונטש, אין אידישער קעמפֿער, נ"י, פּסח־נומער, התשי"ט.

קיין טעם, ווי למשל: פרה אַדומה אָדער כלאים, וואָס זײַנען גזירות, נאָר אַפילו די מיצוות וואָס מע קאָן געפינען פאַר זיי אַ דערקלערונג, וואָס ס׳איז פאַר זיי פאַראַן אַ דערקלערונג, זײַנען אויך חוקים און גזירות. „כל התורה כולה היא גזירת המלך“, (שׂפתי חכמים, במדבר י״ט, פּסוק א׳) — די גאַנצע תּורה איז ניט מער ווי אַ גזירה, אַ קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו, וואָס איז ניט צוגעבונדן צו מענטשלעכער דערפאַרונג. די מיצוות שטאַמען ניט פון דער גרופּע־מאַראַל.

אָבער די מערסטע חז״ל זײַנען זיך סומך אויף דעם צווייטן נבֿיאישן באַגריף פון גאָט — ער איז אַ גאָט פון טאוונג, אַ גאָט וואָס ווייסט די לײַדן פון מענטשן, וואָס טוט גנאָד, טוט גוטס און שלעכטס, רעכנט זיך אָפּ פאַר זינד און באַלוינט פאַר גוטס. דורך זײַנע מעשׂים לערנט ער מענטשן ווי זיך אויפצופירן, כּדי די גרופּע, דאָס געזעמל, די עדה, זאָל האָבן אַ קיום. ער איז ניט גלאַט גוזר אָן אַ זין און אָן אַ טעם.

זאָגט די גמרא:

„עס שטייט אין פּסוק: ‚אחרי ה׳ אלקיכם תּלכו׳ (דבֿרים י״ג, ה׳) — נאָך גאָט אײַער גאָט זאָלט איר גיין. איז דען מעגלעך פאַר אַ מענטשן נאָכ־צוגיין דער שכינה?... ניין. עס מיינט, אַז דו זאָלסט נאָכגיין, נאָכטאָן די מידות פון גאָט: אַזוי ווי ער האָט באַקליידט די נאַקעטע (אָדם און חוה), אַזוי זאָלסט דו אויך באַקליידן די נאַקעטע; אַזוי ווי ער האָט מבֿקר־חולים געווען, באַזוכט די קראַנקע (אַבֿרהמען נאָך זײַן מל־זײַן זיך), אַזוי זאָלסט דו באַזוכן די קראַנקע; אַזוי ווי ער האָט מנחם־אָבֿל געווען (יצחקן נאָך אַבֿרהמס טויט), אַזוי זאָלסט דו מנחם־אָבֿל זײַן; אַזוי ווי ער ברענגט צו קבֿורה (משהן), אַזוי זאָלסט דו מקבר זײַן די טויטע“ (סוטה י״ד).

פאַר וואָס דאַרף מען מקיים זײַן די מיצוות פון קן צפּור, פון אָװעקשיקן די מאַמע־פויגל און איבערלאָזן די קינדער? זאָגט דער מדרש: „עס שטייט געשריבן: ‚שלח תּשלח את האם ואת הבנים תּקח לך׳ (דבֿרים כ״ב, ז׳) — אַוועקלאָזן זאָלסטו אַוועקלאָזן די מוטער און די קינדער זאָלסטו נעמען פאַר זיך. האָט געזאָגט ר׳ אלעזר: פאַר וואָס האָט גאָט געזאָגט אַזוינס דווקא אויף אַ פויגל־מוטער? דאָס איז דערפאַר, וואָס זי פאַרנעמט זיך, זי איז זיך מתעסק מיט באַזעצן די וועלט און אויפריכטן די וועלט, איז זי ווערט געראַטעוועט צו ווערן“ (מדרש רבה, דבֿרים, פּרשה ו׳, י״ג).

לויט די דאָזיקע מאַמרים איז יידישע עטיק אַ גרופּע־עטיק, צוגעבונדן צום לעבן, צו דער גרופּע־מאַראַל, און גאָט אַליין האָט געלערנט דעם מענטשן ווי דער מענטש זאָל זיך אויפפירן כּדי עס זאָל מעגלעך זײַן אַ יישובֿ פון מענטשן אויף דער וועלט.

אויך אין דער תּורה איז שוין פאַראַן די דאָזיקע קאָנצעפּציע. זאָגט דער פּסוק:

„העדותי בכם“ — איך שטעל עדות קעגן אײַך הימל און ערד, אַז איך

האָב פאַרגעלייגט פאַר אײַך לעבן און טויט, די ברכה און די קללה, זע, קלײַב אויס דאָס לעבן, כּדי דײַנע קינדער זאָלן געדײַען (דבֿרים ל׳, י״ט).

און די זעלביקע פּרשה מאַכט עס נאָך קלאָרער: מיצוות, סײַ די בין אָדם למקום און סײַ די בין אָדם לחבֿרו, זײַנען ניט עפּעס גלאַט באַפעלן פון אַ ווײַטן גאָט, פון אַ גאָט וואָס איז ניט דערגרייכלעך, נאָר דאָס זײַנען זאַכן וואָס דער מענטש קאָן זען פון דער נאָענט, פון דער סבֿיבֿה אַרום זיך:

„אָט די געבאָטן, וואָס איך זאָג דיר הײַנט אָן, זײַנען ניט עפּעס וואָס איז פאַרהוילן פון דיר און ניט זיי זײַנען ווײַט פון דיר. ניט אויפן הימל זײַנען זיי, אַז איר זאָלט דאַרפן זאָגן: ווער וועט פאַר אונדז אַרויפגיין אויפן הימל און זיי אַראָפּברענגען צו אונדז און אונדז געבן צו פאַרשטיין כּדי מיר זאָלן זיי קאָנען טאָן? און זיי זײַנען אויך ניט אויף יענער זײַט ים, אַז דו זאָלסט וועגן זיי זאָגן: ווער וועט פאַר אונדז אַריבערגיין אויף יענער זײַט ים און זיי ברענגען צו אונדז און אונדז געבן צו פאַרשטיין כּדי מיר זאָלן זיי טאָן? ניין, די זאַך איז זייער נאָענט צו דיר, אין דײַן מויל און אין דײַן האַרצן פאַר דיר זי אָפּצוהיטן״ (דבֿרים ל׳, י״א).

אַ פּסוק פון דעם זעלביקן כאַראַקטער ווערט גענוצט ווי אַן אסמכתּא פאַר צוויי מערקווירדיקע מדרשים, וואָס טײַטשן אויס דעם פּסוק אַזוי, אַז די כּוונה פון מיצוות, דער צוועק פון די מיצוות איז פאַר דעם מענטשן, כּדי ער זאָל קאָנען לעבן און קריגן עפּעס אַן ענלעכקייט צו זײַן שעפער.

זאָגט דער פּסוק: „האל תּמים דרכּו, אמרת ה׳ צרופֿה, מגן הוא לכל החוסים בו״ (תּהילים י״ח, ל״א) — דער גאָט, וואָס זײַן וועג איז גאַנץ, דאָס וואָרט פון גאָט איז געלײַטערט, ער איז אַ שילד פאַר אַלע וואָס שיצן זיך אין אים.

אויב גאָטס וועגן זײַנען גאַנץ, איז ער דאָך אַוודאי און אַוודאי!

רבֿ (ראַוו) האָט געזאָגט, אַז די מיצוות זײַנען געגעבן געוואָרן נאָר כּדי צו לײַטערן מיט זיי דעם מענטשן, ווײַל וואָס אַרט גאָט צי מען שעכט די בהמה על־פּי דין אָדער מען האַקט איר אָפּ דעם קאָפּ? (בראשית רבה, פּרשה מ״ד, א׳).

זאָגט אויך דער מדרש תּנחומא: „האל תּמים — וואָס אַרט גאָט צי מע שעכט די בהמה און מ׳עסט זי, צי מע שטעכט זי און מ׳עסט זי? טוסטו דען גאָט אַ טובֿה אָדער אַ רעה? אָדער: וואָס אַרט גאָט צי דו עסט כּשר (טהורות), אָדער נבֿלה? די מיצוות זײַנען געגעבן געוואָרן נאָר כּדי צו לײַטערן די מענטשן״ (מדרש תּנחומא, פּרשה שמיני ח׳).

אָבער עס דאַרף פאַרשטאַנען ווערן, אַז אויך אין די מאַמרים איז פאַראַן, ווי אין גאַנץ תּנ״ך, אַ סינטעז פון ביידע באַגריפן וועגן גאָט: ער איז אַן אַבסטראַקטער גאָט, אָבער אויך אַ נאָענטער. אויף אונדזער לשון קאָנען מיר עס אויסטײַטשן אַזוי: אמת, די דערפאַרונג פון עטיק שטאַמט פון דער גרופּע־מאָראַל. דער דירעקטער אימפּעראַטיוו קומט פון דער גרופּע דורך אירע לערערס און אויך פון עלטערן צו קינדער. אונדזער ווילן צו טאָן וואָס איז

רעכט ווערט אויף אונדז אַרויפֿגעצוואונגען פֿון דער נאָרמע פֿון דער גרופּע צו וועלכער מיר געהערן. אָבער די אור־סיבה, דער מקור פֿון וועלן טאָן גוטס, איז די קאָנצעפּציע פֿון אַ טראַנסצענדענטאַלן כּוח, וואָס איז די פּער־פֿעקציע אַליין, די אַבסאָלוטע גערעכטיקייט.

דערפֿאַר האָט בלויז דער מענטש געקאָנט שאַפֿן אַ געמיינדע, אַ גרופּע, אַ פֿאָלק, וואָס קאָן נאָר געדײַען אויף אַן עטישן אײַנשטעל. ווײַל דער מענטש איז געשאַפֿן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט און גלײַכעניש. אויב מע וויל עס אויסדריקן אין אַ מאָדערנער טערמינאָלאָגיע — דער מענטש איז די אָפּ־שפּיגלונג פֿון דער געטלעכקייט, אָדער ער האָט אין זיך אַ טייל פֿון דער געטלעכקייט אין דעם קאָסמאָס, און ווײַל דער מענטש איז אַ טייל פֿון דעם געטלעכן אין אוניווערס, איז ער אַלע מאָל אומרויִק, פֿול מיט נײַגעריקייט, גאַרונג און בענקשאַפֿט צו זײַן גלײַך צו זײַן באַשעפֿער.

דאָס איז אויך די סיבה וואָס די מענטשלעכע געזעלשאַפֿט איז אַלע מאָל דינאַמיש. זי קאָן ניט בלײַבן רויִק, פֿאַרגליווערט, אָן אַ שינוי פֿאַר אַ לעב־געדיקער צײַט. דאָס געטלעכע אין דעם מענטשן זוכט שטענדיק צו פֿאַרברייטערן זײַן גרופּע־עטיק, אַזוי אַז זי זאָל זײַן חל ניט נאָר אויף די אייגענע, נאָר אויף אַלעמען, אויף פֿרעמדע ווי אויף אייגענע, אַפֿילו אויף די שטומע ברואים, אַט ווי ער, גאָט, וואָס זײַן רחמנות פֿאַלט אויף אַלע זײַנע באַשעפֿענישן — „ורחמיו על כל מעשיו" (תהילים קמ"ה, ט').

דאָס איז אויך דער מקור פֿאַר דעם גרויסן מענטשלעכן טרוים, פֿאַר דעם משיח־טרוים, און נאָך מער פֿאַר דעם גרויסן טרוים פֿון באַחרית הימים: „עס וועט קומען אַ צײַט ווען אַלע רשעותן וועלן אָפּגעשאַפֿט ווערן, ווען דער מענטש וועט סוף־כּל־סוף דערגרייכן צו דער פּערפֿעקציע פֿון דעם אָפּגלאַנץ פֿון דעם כּביכול. ווען ער וועט דערגרייכן די דאָזיקע מדרגה, דעמאָלט וועלן ניט נאָר אָפּגעשאַפֿט ווערן אַלע געזעלשאַפֿטלעכע איבלען, נאָר אַפֿילו דער הויפּט־אומגליק פֿון דעם מענטשן, דער טויט, וועט פֿאַר־שווינדן: „און ער וועט פֿאַרטיליקן דעם טויט אויף אייביק און גאָט וועט אָפּווישן די טרער פֿון איטלעכן פּנים" (ישעיה כ"ה, ח').

ב.

הלכה און אַגדה

דער באַנעם פֿון די נביאים, אַז גאָט איז אַ טראַנסצענדענטאַלער כּוח וואָס איז ניט צוגעבונדן צו דער נאַטור און מע קאָן אים ניט מגשם־זײַן און מע טאָר ניט און מע קאָן ניט מאַכן פֿון אים קיין בילד אָדער געשטאַלט; אַז ער איז איבער דעם מענטשן און אויסער דער נאַטור, אָבער ער איז אויך אַ געזעלשאַפֿטלעכער גאָט, אַ גאָט וואָס איז פֿאַראינטערעסירט אין דעם

מענטשלעכן גורל און אין זײַן גליק, שפּיגלט זיך קלאָר אָפּ אין דער פֿונ־אַנדערטיילונג פֿון ייִדישן עטישן באַגריף אין די חומרות פֿון דער אַגדה און די קולאס (קולות) פֿון דער הלכה. די דאָזיקע פּאַקטישע אַנווענדונג פֿון די דאָזיקע מאַניפֿעסטאַציעס האָט געשאַפֿן דעם ייִדישן עטאָס, דעם ייִדישן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, אין דעם אײַנשטעל פֿון דער וועלט פֿון אמונה.

דער יאָך, וואָס די אַגדה לייגט אַרויף אויף דעם מענטשן, שפּיגלט אָפּ דעם אַבסטראַקטן נבֿיאישן באַגריף פֿון גאָט, אַ טראַנסצענדענטאַלער כּוח, וואָס מע קאָן אים ניט פֿאַרגעשטאַלטיקן און באַנעמען. ער באַפֿעלט און זײַן וואָרט איז אַ גזירה. מע דאַרף אים פֿאָלגן אַפֿילו ווען מיר פֿאַרשטייען ניט דעם טעם און דעם פֿאַרוואָס פֿון זײַן באַפֿעל. נאָך מער טאָר מען ניט זוכן די טעמים פֿון מיצוות און מיר טאָרן זיי ניט אויסטײַטשן, ווײַל זיי זײַנען אַלע גזירות המלך און זיי טאָרן ניט זײַן קיין באַווײַז פֿון רחמנות און גוטסקייט, וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיט מענטשלעכע חושים. די מיצוות מוזן אויסגע־פֿאָלגט ווערן ניט קוקנדיק צי זיי זײַנען נייטיק פֿאַר דער געזעלשאַפֿט צי ניט, ווײַל זיי זײַנען באַפֿעלן פֿון אַ מאַכט וואָס האָט ניט צו טאָן מיט גרופּע־דערפֿאָרונג. דערפֿאַר זײַנען די פֿאָדערונגען פֿון דער אַגדה שטרענג, רעכע־נען זיך ניט מיטן מענטשן.

הלכה שפּיגלט אָפּ דעם נבֿיאישן אַנטראָפּאָמאָרפֿישן גאָט, דעם גאָט פֿון דער גרופּע, פֿון די אָבֿות, וואָס באַווײַזט זיך צום מענטשן און לערנט אים צו גיין אין זײַנע וועגן. ער לערנט אים אַז מע דאַרף באַקליידן די אָרעמע, געבן עסן די הונגעריקע, קומען מבֿקר־זײַן דעם קראַנקן, און באַ־גלייטן דעם טויטן. ער איז אַ גאָט וואָס איז נאָענט צום מענטשן און ווינטשט אים גליק און רו. ער גיט אים מיצוות וואָס זאָלן אויפֿהאַלטן די גרופּע און זי שטאַרקן, ברענגען גליק און שפֿע צו די וואָס פֿירן אויס די געבאָטן, ווײַל די מיצוות זײַנען אַנווײַזונגען ווי צו לעבן אויף דער וועלט. דערפֿאַר איז די הלכה, להיפּך דער אַגדה, מקיל.

דער טערמין הלכה אין ברייטן זין פֿון וואָרט באַטײַט ניט קיין ספּעצי־פֿיש־ייִדישן דין אָדער הנהגה אַפֿילו, ווי די גמרא זאָגט: עס שטייט געשריבן „הליכות עולם לו" (חבֿקוק ג׳, ו׳) — דאָס זײַנען זײַנע אייביקע אויפֿפֿירונגען. „אַל תּקרי הליכות אלא הלכות" — דו זאָלסט ניט לייענען הליכות — אויפֿ־פֿירונגען, נאָר הלכות — דינים (נידה, צום סוף פֿון דער מסכתּא; מגילה כ״ז, ע׳ ב׳).

דער אַלגעמיינער טײַטש פֿון הלכה מיינט ניט נאָר מינהג, דין, נאָר אויך חכמה, די שטודיע פֿון אַ קעגנשטאַנד. למשל, הלכות־מדינה מיינט די חכמה ווי אָנצופֿירן אַ מדינה, די געזעצן און מינהגים פֿון אַ מדינה אָדער קאָנט און אויך די באַציִונג פֿון דער ייִדישער תּורה צו מדינה. זאָגט די גמרא: „שומרי פּירות אוכלין מהלכות מדינה אַבֿל לא מן התּורה" — די וואָס היטן פּירות, די שומרים, מעגן עסן פֿון די פּירות על־פּי מינהג, אָדער געזעץ

פֿון דער מדינה, פֿון דער געגנט אָדער קאַנט, אָבער ניט לויט דעם דין פֿון דער תּורה (בבֿא מציעא דף צ״ג, ע׳ א׳, משנה). אין דער גמרא זײַנען אויך פֿאַראַן הלכות דרך־ארץ, הלכות־רופֿאים, און אַנדערע*.

דאָ ניצן מיר דעם טערמין הלכה אין אַ באַגרענעצטן זין: דינים פֿון ריטואַל און צערעמאָניאַל, דאָס מיינט בין אָדם למקום. צווישן מענטש און גאָט, און די עטישע רעגולאַציעס, בין אָדם לחבֿרו, די אײַנשטעלונגען צווישן מענטש און מענטש. מיר וועלן דאָ באַניצן דעם טערמין הלכה בלויז פֿאַר די דינים וואָס זײַנען אָנגענומען געוואָרן נאָך אַ שקלא וטריא פֿון אַ בית־דין, דורך אַן אָפּשטימונג, און זײַנען אײַנגעשטעלט געוואָרן ווי אַ הלכה פּסוקה, אַן אָנגענומענער דין וואָס איז חל אויף כּל ישׂראל.

דער טערמין אַגדה, אין ברייטערן זין, נעמט אַרײַן גאָר אַ סך זאַכן: מעטאַפֿיזישע ספּעקולאַציעס, וויכּוחים צווישן ייִדן און ניט־ייִדן, היסטאָרישע געשעענישן, פֿאַנטאַסטישע מעשׂיות, טרוקענע כראָניקעס, מעשׂיות מיט אַ מוסר־השׂכּל, און גלאַט אונטערהאַלט־מעשׂיות. אָבער דאָ ניצן מיר דעם טער־מין אַגדה נאָר פֿאַר יענע טיילן וואָס האָבן צו טאָן מיט די דינים בין אָדם למקום און עטישע אײַנשטעלונגען בין אָדם לאָדם, וואָס זײַנען חל נאָר אויף חסידים און אַנשי מעשׂה, וואָס מיינט נאָר אויף יחידי סגולה. די חומרות זײַנען ניט חל אויף כּל ישׂראל.

ווי עס ווערט געזאָגט אין ירושלמי:

„ר׳ לוי יתבֿ ודרש — ר׳ לוי איז געזעסן און געדרשנט: עס שטייט אין פּסוק: ‚איש אשר יתן לו האלקים׳ — אַ מענטש וואָס גאָט האָט אים געשענקט עשירות, גיטער און כּבֿוד און קיין זאַך וואָס ער גלוסט פֿעלט אים ניט, נאָר גאָט האָט אים ניט געגעבן קיין שליטה צו געניסן דערפֿון (קהלת ו׳, ב׳), דאָס מיינט מען דעם בעל־אַגדה, וואָס קאָן ניט אַסרן און קאָן ניט מתּיר זײַן, ער קאָן ניט מטהר זײַן און קאָן ניט מטמא מאַכן״ (הוריות, ירו־שלמי, פּרק שלישי, הלכה ה׳). טײַטש דער פּני משה: ער קאָן ניט פּסקענען קיין דינים (דאָס איז געזאָגט געוואָרן בדרך כּלל. עס איז פֿאַראַן יוצא מן הכּלל, און שפּעטער האָט עס זיך געענדערט, ווי מיר וועלן זען ווײַטער).

הלכה איז אויפֿגעקומען מיט דעם שליסן פֿון נבֿואה. דער נבֿיא מלאָכי, וואָס האָט געלעבט אַרום הונדערט יאָר נאָך שיבֿת ציון, איז דער לעצטער נבֿיא מוכיח, דער לעצטער שטראָף־נבֿיא וואָס זײַנע נבֿואות זײַנען פֿאַרשריבן געוואָרן אונטער זײַן נאָמען און זײַנען אַרײַנגענומען געוואָרן אין די קאַנאָ־ניזירטע כּתבֿי הקודש. מיט מלאָכי איז נבֿואה געשלאָסן געוואָרן, געשלאָסן געוואָרן, אָבער ניט אונטערגעגאַנגען.

מיט דעם שליסן פֿון נבֿואה איז אויפֿגעקומען הלכה ווי אַ ווירקנדיקער כּוח אין פֿאָלק. עס דאַרף אָבער זײַן קלאָר צוויי זאַכן: ראשית האָט הלכה

* זע חיים טשרנוביץ, תּולדות ההלכה, חלק ראשון, ז״ז 23, 24; אויך ערוך השלם, אונטער דער רובריק: הלך והלכה.

זיך ניט אָנגעהויבן באַלד נאָך חתימת הנבֿואה. תּורה שבעל פּה, טראַדיציעס ווי אויסצופֿירן מיצוות, זײַנען אַזוי אַלט ווי תּורה שבכּתבֿ. אָבער די תּורה שבעל פּה, די הלכה, איז געווען אַ טפֿל צו נבֿואה און צו דער תּורה שבכּתבֿ. פֿאַקטישע הלכה איז געווען אַ פֿאַמעלעכער פּראָצעס פֿון קאָנקרעטיזירונג. די טראַדיציע איז מייסטנס געווען בײַ די כּהנים, די דורכפֿירער פֿון ריטואַל און צערעמאָניאַל. דאָס פֿאָלק, ווי אַ גאַנצס, האָט געהאַט ווייניק מיצוות מעשׂיות. שנית דאַרף פֿאַרשטאַנען ווערן, אַז הלכה, ווי דער דרך החיים פֿון ייִדישן פֿאָלק, איז ניט אויפֿגעקומען בלויז באַלד ווי די נבֿואה איז געשלאָסן געוואָרן. אַ שטיק צײַט האָבן געווירקט ביידע, נבֿואה און הלכה. דער כּתבֿ אמנה, דער אָפּמאַך, וואָס נחמיה האָט געמאַכט מיטן פֿאָלק (נחמיה י׳), איז דורכגעפֿירט געוואָרן פֿאַר חתימת הנבֿואה. די אַכצן תּקנות פֿון דעם כּתבֿ אמנה זײַנען די ערשטע הלכות פֿון די סופֿרים. דער כּתבֿ אמנה איז געחתמעט געוואָרן אין דער צײַט ווען נבֿואה האָט נאָך עקסיסטירט *.

למעשׂה האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסצושטעלן די וויכטיקייט פֿון הלכה אין גלות בבֿל נאָכן חורבן בית־ראשון און מסתּמא נאָך אַ סך פֿריִער, נאָכן גלות יהויכין, אין דער בלי־צײַט פֿון נבֿואה. אין די לעצטע יאָרן פֿון ירמיהו הנבֿיא, אין דער צײַט פֿון יחזקאל און שפּעטער אין דער צײַט פֿון דעם גרויסן טרייסט־נבֿיא. דער גלות יהויכין, און נאָך מער, דער חורבן בית־המיקדש, זײַנען געווען אַ טאָטאַלער איבערבראַך אין דער ייִדישער אמונה. ייִדן זײַנען אָפּגעריסן געוואָרן פֿון לאַנד און פֿון אײַנגעשטעלטן ריטואַל, וואָס איז געווען צוגעבונדן צום לאַנד און צום הייליקטום, וואו דער גאַנצער ריטואַל פֿון קרבנות און דער צערעמאָניאַל פֿון ימים־טובֿים איז דורכגעפֿירט געוואָרן. ייִדן האָבן זיך איצט געפֿונען אין דער פֿרעמד, אין אַ טמא לאַנד. ווי אַזוי, אויף וואָס פֿאַר אַן אופֿן האָבן זיי געקאָנט אָנהאַלטן זייער אמונה?

ייִדישקייט איז געשטאַנען פֿאַר אַ נסיון. פֿאַר דעם זעלביקן נסיון זײַנען געשטאַנען אַלע פֿעלקער וואָס זײַנען פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון זייער לאַנד. רעליגיע איז אין יענער צײַט געווען צונויפֿגעקניפּט מיט לאַנד, פֿאָלק און מיט דער גאַנצער קולטור פֿון פֿאָלק. דינען צום אייגענעם גאָט אין אַ פֿרעמד לאַנד האָט מען „טעאָרעטיש״ אפֿשר געקאָנט, אָבער ס׳איז געווען אַ קול־טורעלע אוממעגלעכקייט, ווײַל דאָס דינען צו גאָט איז געווען פֿאַרבונדן מיט דעם קולטורעלן לעבן פֿון לאַנד.

די געצנדינערישע פֿעלקער האָבן ניט אויסגעהאַלטן דעם נסיון. דער דרוק פֿון דער פֿרעמדער קולטור און ציוויליזאַציע האָט מיטגעשלעפּט אויך די אמונה פֿון די פֿאַרטריבענע פֿעלקער. די פּאַגאַניסטישע פֿאַרטריבענע פֿעלקער האָבן זיך טעאָרעטיש ניט געקאָנט אָנטקעגנשטעלן דער אמונה פֿון די נײַע געטער, ווײַל זיי, די פֿאַרטריבענע, זײַנען דאָך געווען פּאָליטעיִסטן,

* זע חיים טשערנאָוויץ, תּולדות ההלכה, חלק שלישי, ז׳ 107 ; און יחזקאל קויפֿמן, תּולדות האמונה הישׂראלית, כּרך רבֿיעי, ספֿר ראשון, ז״ז 331־332, און 381־382.

געגלייבט אין אַ סך געטער. זיי האָבן זיך ניט געקאָנט שטעלן מיט קנאות קעגן נאָך איין גאָט אָדער געטער. אין אַ דור אָדער צוויי, האָבן זיי זיך אויסגעמישט מיטן זיגערישן פֿאָלק.

ייִדן האָבן אָבער אויסגעהאַלטן דעם נסיון. פֿון טאָטאַלער אַסימילאַציע האָט זיי אָפּגעראַטעוועט דער מאָנאָטעיִזם. די גולים זײַנען טאַקע געוואָרן אַן אינטעגראַלער טייל פֿון דער אַרומיקער ציוויליזאַציע. זיי האָבן אויך אָנגענומען ביז אַ מאָס די אַרומיקע קולטור. זיי האָבן פֿאַרביטן זייער יהודית — העברעיִש — אויף אַראַמעיִש. זיי האָבן אַפֿילו פֿאַרביטן דעם ייִדישן אַלף־בית. אָבער דאָך איז געבליבן אַ באַשטימטער סעפּעראַטיזם, אַן אָפּגעזונדערט־קייט פֿון דער אַרומיקער באַפֿעלקערונג — זייער אמונה אין איין גאָט. אין דעם מאָנאָטעיִזם איז געלעגן דאָס קערנדל פֿון אַן אמונה וואָס איז ניט צוגעבונדן בלויז צו לאַנד, צו אַ באַשטימטן שטיקל ערד, און צו אַ באַ־שטימטן הייליקטום.

אמת, דער ייִדישער מאָנאָטעיִזם איז צונויפֿגעקניפּט מיט ייִדישער אויס־דערוויילטקייט, אויסדערוויילטן לאַנד, און אויסדערווייטער שטאָט, וואָס זײַנען גאָטס וואוינונג. „זײַן פֿײַער איז אין ציון און זײַן אויוון אין ירושלים“ (ישעיה ל״א, ט׳), אָבער ווי באַלד עס איז פֿאַראַן נאָר איין גאָט וואָס איז דער האַר פֿון דער גאַנצער וועלט, דערהערט ער דאָך דאָס געשרײַ פֿון אַלע לעבעדיקע באַשעפֿענישן וואו זיי זאָלן נאָר ניט זײַן. אַזאַ גאָט קאָן מען ניט פֿאַרבײַטן אויף געטער פֿון האָלץ און שטיין. די פֿעלקער וואָס דינען צו אָזעלכע נישטיקייטן, האָבן ניט גאָטס חסד אויף זיך. פֿאַר אַזאַ גאָט קאָן מען קעמפֿן מיט קנאות.

ניט געקוקט אויף דער גרויסער פֿאַקטישער אַסימילאַציע פֿון די גולים אין בבֿל, האָט דאָך ניט געקאָנט פֿאָרקומען קיין טאָטאַלע אַסימילאַציע, ווײַל די גולים זײַנען ניט געוואָרן קיין געצנדינער. דאָס האָט געשאַפֿן אַ געוויסע מאָס פֿון סעפּעראַטיזם, ווי בײַ אַ הײַנטיקן אַסימילירטן ייִדן, וואָס האָט זיך ניט אָפּגעשמדט*.

דאָך איז די קעגנערשאַפֿט צום געצנדינסט געווען בלויז אַ נעגאַטיווע. אַ נעגאַטיוו קאָן ניט זײַן קיין גרויסער שעפֿערישער פֿאַקטאָר. אָבער די גרויסע און טיפֿע אמונה אין אחדות אלקים איז געווען אַ פּאָזיטיווער פֿאַק־טאָר. טיפֿע אמונה אין איין איינציקן גאָט, וואָס איז די פֿאַרקערפּערונג פֿון פֿולקאָמענקייט און גוטסקייט, און זײַן תּורה, האָבן געפֿאָדערט אַ הייליק און ריין לעבן. די דאָזיקע פֿאָדערונג האָט געשאַפֿן אַ נײַעם דרך צו דינען גאָט. עס איז אויפֿגעקומען אַ ריטואַל וואָס האָט זיך ניט געניייטיקט אין דער פֿאַרמיטלונג פֿון כהנים, גאָר אַן אַנדערער ריטואַל ווי אין בית־המיקדש.

אין יענער צײַט האָט זיך אָנגעהויבן אויסצופֿיקן די עבֿודה אין אַ בית־

* מער באַריכות וועגן דעם זען דצ״וו פֿון יחזקאל קופֿמן, ז״ז 36־80.

הכּנסת. דאָס איז געווען אַ דינען צו גאָט אָן קרבּנות, אָן כּהנים. אַ צערע־מאָניאַל פון שבת, יום־טובֿ און ראש־חודש אָן קרבּנות און אָן דעם אָנפיר פון כּהנים און לוויים. דער בית־הכּנסת, אונדזער איצטיקע שול, איז אַן אָריגינעלע ייִדישע שאַפונג, וואָס האָט ניט קיין גלײַכן אין דער געצנדינערי־שער וועלט. דער צערעמאָניאַל פון בית־מדרש האָט אָנגעהויבן אַרײַנצונעמען תּפילה, ווידוי, תּעניתים, קריאַת־התּורה, דורכפירן גרויסע צערעמאָניעס נאָך געבורט (מילה, געבן אַ נאָמען), חתונות, הספּדים, דרשות, לערנען מיט קינדער (בית הספר), אויסרופן אַבֿידות, צדקה, אַסיפות, און סעודת־מיצווה. שלוחי מיצווה האָבן געװעכטיקט אין בית־המדרש, און דער בית־דין איז געזעסן אין בית־מדרש, געגעבן אַ גט, אָדער מחרים געווען און געגעבן אַ שבֿועה ווען מען האָט געדאַרפט*.

חוץ דער אינסטיטוציע פון בית־הכּנסת, האָט מען דעמאָלט אָנגעהויבן אויסצוטײַטשן די תּורה פאַר דעם טאָג־טעגלעכן לעבן. די תּורה האָט אָנגע־זאָגט אַפּצוהיטן מיצוות. די נבֿיאים האָבן געשטראָפט און געדראָט, און די ייִדן האָבן איצט מסכּים געווען אַז די נבֿיאים זײַנען געווען גערעכט. גאָטס תּורה איז אַ תּורה פון לעבן. זיי האָבן מסכּים געווען מיטן פאַרוואָס. אָבער ווי אַזוי?

„אין בבֿל האָט מען אָנגעהויבן צו זײַן מער פאָרזיכטיק מיט מיצוות. עס האָט זיך אָנגעהויבן די פאָרשונג פון די פּרטים פון מיצוות. דאָס נאָכזוכן האָט זיך פאַרמערט פון טאָג צו טאָג און פון דור צו דור“ (דור דור ודורשיו פון א. ה. ווײַס, חלק ראשון, ז' 48). עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס דרשנען פון דער תּורה — דער וועג פון הלכה, — דאָס געפינען און פאָרמירן אַ פּאַסיקע פאָרמע פון דער תּורה פאַר די נײַע תּנאים פון לעבן.

דער וועג פון הלכה איז געווען אַ סיסטעם פון סומך זײַן זיך אויף אַ פּסוק, אויף אַ קבלה, אָדער אויסטײַטשן די מיצוות דורך באַשטימטע כּללים פון לאָגיק. עס האָט זיך אָנגעהויבן וועבן אַ געוועב, וואָס האָט אַרײַנגענומען אַלטע קבלות, מינהגים, חומרות, קולאָס, אָנזאָגונגען פון נבֿיאים, ריטואַלן פון כּהנים און לוויים, לאָקאַלע קבלות, נײַע תּקנות, וואָס זײַנען געווען נייטיק פאַר דער געגעבענער צײַט. ווי למשל, די אַכצן תּקנות פון דעם כּתבֿ אמנה, און סיגים, על־פּי דין און לפנים משורת הדין. דאָס אַלץ האָט געדאַרפט סיסטעמאַטיזירט ווערן און אײַנגעשטעלט ווערן אַזוי, אַז די גאַנצע אומה זאָל האָבן אַ קיום, כּדי בײַ איר זאָל זיך קאָנען שאַפן אַ הייליק לעבן, סײַ פאַרן כּלל און סײַ פאַר יעדן ייִדן באַזונדער, וואָס דאָס איז דער רצון פון גאָט.

דער צוועק פון הלכה איז געווען ניט בלויז צוליב קיום האומה, ווי אַ סך פון אונדזערע היסטאָריקערס מיינען. עס איז אַוודאי ניט געווען גלאַט אַ קאַפּריז, אָדער אַ פאַרשווערונג פון אַ באַשטימטן קלאַס פון דער אומה.

---

* זע אליעזר לוי: יסודות התּפילה, ז"ז 90־94.

גערעכט איז ר. טראַווערס הערפֿאָרד, וואָס שרײַבט: „דער צוועק פֿון זייער אויסטײַטשן די תּורה איז בעצם געווען אַ פּראַקטישער, נעמלעך: צו מאַכן די געטלעכע תּורה וואָס איז געגעבן געוואָרן צו ישׂראל אַזוי, אַז ישׂראל זאָל זי קאָנען אַסימילירן" (דהי פֿאַרִיסים, ז' 69).

און אָט איז נאָך אַ קלאָרערע שטעלע אין דעם דאָזיקן מערקווירדיקן בוך: „איינע פֿון די כאַראַקטעריסטיקעס פֿון עזראן איז געווען דאָס, וואָס ער איז באַשטאַנען אַז יעדער יחיד פֿון דער ייִדישער עדה האָט אויף זיך דעם חובֿ אויסצופֿאָלגן די מיצוות פֿון דער תּורה. אין דעם ליגט גאָטס רצון" (ז' 71).

אין פֿאַרמירן דאָס געוועב פֿון הלכה האָט געווירקט דער סתּירותדיקער ספּעציפֿיש־נבֿיאישער באַגריף פֿון גאָט: אַ טראַנסצענדענטאַלער גאָט, וואָס איז אויסער דעם מענטשן און אויסער דער וועלט, און אויך אַ געזעלשאַפֿט־לעכער גאָט, וואָס איז נאָענט צום מענטשן.

דער תּלמוד, וואָס איז די פּרושימשע תּורה, האָט אײַנגעשלאָסן (ניט אָפּגעטיילט פֿון דער הלכה) אַ סך אַגדות, וואָס זײַנען פֿול מיט המונישע אמונות אין דער הגשמה פֿון גאָט, ניט געקוקט אויף דעם וואָס דער תּלמוד איז אָפֿיציעל געשטאַנען אויפֿן יסוד פֿון אַבסאָלוטער פֿאַרגײַסטערונג פֿון גאָט און האָט אַרויסגעוויזן אַ לעגאַלע קעגנערשאַפֿט צו הגשמה*.

עס דאַכט זיך אונדז, אַז מע קאָן גיין אַ היפּש ביסל ווײַטער: דער גאַנצער צוגאַנג פֿון הלכה צו דער תּורה שטאַמט פֿון דעם ספּעציפֿישן נבֿיאישן באַגריף אַז גאָט איז ניט בלויז אַן אַבסטראַקציע, נאָר אַז ער איז אויך אַ היסטאָרישער און געזעלשאַפֿטלעכער גאָט, אַן אַנטראָפּאָמאָרפֿישער גאָט, אָבער זײַן הגשמה איז ניט קיין חושימדיקער באַנעם, נאָר אַ געזעלשאַפֿטלעכער באַנעם. מע קאָן אים דערקענען לויט זײַנע מידות. דערפֿאַר קאָן מען ניט אויסמאָלן אָדער אויסשניצן קיין בילד פֿון אים, אָבער מ'קאָן גיין אין זײַנע וועגן.

אַ טראַנסצענדענטאַלער גאָט גיט באַפֿעלן, מיצוות, חוקים שאין להרהר עליהם, וואָס מע טאָר איבער זיי ניט נאָכטראַכטן. זיי זײַנען האַרב און ניט בייגעוודיק, — דאָס איז דער אַגדהשער באַגריף פֿון עטיק און ריטואַל. אָבער גאָטס מידות קאָנען מיר יאָ אָננעמען, ווײַל ער איז דאָך אויך אַ געזעלשאַפֿט־לעכער גאָט וואָס איז פֿאַראינטערעסירט אין דעם קיום פֿון דער גרופּע, און דערפֿאַר האָבן זײַנע באַפֿעלן אַ פֿאַרוואָס און אַ טעם. און דערפֿאַר זײַנען די הלכות אַלע מאָל לקולא לגבי די שטרענגע אָנזאָגונגען פֿון דער אַגדהשער הלכה.

הלכה איז פֿאַרבונדן מיט טאָג־טעגלעכקייט. מיט דעם לעבן פֿון יעדן מענטשן. „די אָנזאָגונגען פֿון דער תּורה קאָנען ניט זײַן קעגנעריש צו דער

* דצ"ו פֿון ח. טשערנאָוויץ, ז' 315. מער באַריכות וועגן דעם ענין אין דעם גאַנצן קאַפּיטל „התּורה והתּלמוד", און ז"ז 313־315. ח. טשערנאָוויץ נעמט אָן דעם אויסטײַטש פֿון יחזקאל קויפֿמאַן וועגן סתּירותדיקן באַגריף פֿון די נבֿיאים.

ווירקלעכקייט, ווײַל אויב זיי וואָלטן זיך צונויפגעשטויסן מיט אונדזער וועלט און זיי וואָלטן נעגירט די ווערטן פֿון ממשותדיקן קיום, דעם פֿיזיאָלאָגיש־ביאָלאָגישן, וואָלטן די רייד פֿון דער תּורה ניט אַנטהאַלטן קיין רחמנות, חסד און שלום, נאָר צאָרן און נקמה" (איש ההלכה מאת יוסף דוב הלוי סולובֿיציק, תּלפּיות, שנה א׳, חובֿרת ג־ד, ז׳ 671, זע אויך ז״ז 671־676).

די הלכה איז געקומען מקיים צו זײַן די פּסוקים, אַז די תּורה איז אַ תּורה פֿון לעבן, צו קאָנען פֿונאַנדערטיילן צווישן גוטס און שלעכטס, צווישן לעבן און טויט, צווישן ברכה און קללה (דברים ל׳, ט״ו, י״ט). דער גאַנג פֿון הלכה איז צו קאָנקרעטיזירן די עטישע און ריטואַלע געבאָטן אויף אַזאַ מין אופֿן אַז מע זאָל קאָנען מיט זיי לעבן, זיי דורכפֿירן אין לעבן. די הלכה האַלט אַז די תּורה איז ניט קיין תּורה פֿאַר יחידי־סגולה, וואָס זאָלן קאָנען קומען אין פֿאַרבינדונג מיט די עולמות העליונים, מיט די העכערע ספֿערן, נאָר אַ תּורה פֿאַר דעם דורכשניטלעכן מענטשן אויף אונדזער ערד.

אַן הלכה איז די תּורה אַן אַבסטראַקציע וואָס ניט מע קאָן זי מקיים זײַן און ניט מע קאָן זי אַנגעמען. דער תּכלית פֿון הלכה אַפֿילו בנוגע ריטואַל איז אַראָפּצונעמען די שאַרפֿקייט און די ניט־בייגעוודיקייט פֿון די אַבסטראַקטע באַפֿעלן פֿון דעם טראַנסצענדענטאַלן גאָט.

אָבער דאָס מיינט ניט אַז הלכה איז אָפּאָרטוניזם, דאָס צופּאַסן זיך צו אומשטענדן. שיין איז דער זאָג פֿון ר׳ יוסף דובֿ סולובֿיציק: „דער אידעאַל פֿון דעם מאַן פֿון הלכה איז צו מאַכן די רעאַליטעט אונטערטעניק צום יאָך פֿון הלכה" (דצ״וו, ז׳ 670). נאָר הלכה ווייסט די באַגרענעצונג פֿון מענטשן, זײַנע יכולתן. הלכה איז ניט קיין בלינדער באַפֿעל, ניט קיין גזירה. הלכה האָט אַ געזעלשאַפֿטלעכע פֿונקציע.

אונדז איז ניט באַקאַנט קיין מאַמר וואָס זאָגט קלאָר אַז אַלע הלכות און אַלע מיצוות זײַנען גזירות המלך, — באַפֿעלן וואָס מע טאָר ניט נאָכטראַכטן און מע טאָר ניט נאָכפֿאָרשן זייער טעם. פֿון דער משנה וואָס מיר האָבן פֿריִער געבראַכט וועגן קן ציפּור דרינגט רש״י פֿון איר אַרויס, אַז אַלע מיצוות פֿון דער תּורה זײַנען חוקים און גזירות (רש״יס לשון: „מדותיו מצוותיו והוא לא לרחמים עשה, אלא להטיל על ישׂראל חוקי גזירותיו להודיע שהם עבֿדיו ושומרי מצוותיו וגזירות חוקותיו"). דער עיקר תּוספות יום טובֿ גיט אויף דער דערמאָנטער משנה אַ שאַרפֿן זאָג: „ווען גאָטס געבאָטן וואָלטן געווען צוליב רחמנות וואָלט ער בכלל פֿאַרבאָטן צו שעכטן חיות און עופֿות". די דאָזיקע משנה אין רשיס אויסטײַטש איז מסתמא דער מקור פֿאַר דעם זאָג וואָס מיר האָבן פֿריִער געבראַכט פֿון שׂפתי חכמים אויפֿן ערשטן פּסוק פֿון דער סדרה חוקת (במדבר י״ט, א׳): „די גאַנצע תּורה איז ניט מער ווי אַ גזירה פֿון אַ מלך", — „ואף על גבֿ דכל התּורה כּולה היא גזירת המלך".

דאָס איז ניט דער אָנגענומענער כּלל וועגן דער תּורה אין תּלמוד. אַ

סך מער איז די אָנגענומענע מיינונג בײַ די חז״ל אַז די תּורה איז געגעבן געוואָרן נאָר כּדי אײַנצושטעלן אַ פֿרידלעכן וועג אין לעבן — „כּל התּורה כּולה נמי מפּני דרכי שלום״ (גיטין נ״ט, ע׳ ב׳). אויך אַזוי איז די מיינונג פֿון מאַמרים פֿון מדרש וואָס מיר האָבן פֿריִער געבראַכט, אַז די מיצוות זײַנען געגעבן געוואָרן כּדי צו לײַטערן דעם מענטשן. עס זײַנען פֿאַראַן אַ סך אַזעלכע מאַמרים, למשל: „תּורה תּחילתה גמילת חסדים וסופה גמילת חסדים״ (סוטה י״ד, ע׳ א׳. זע דאָרט נאָך עטלעכע מאַמרים). די תּורה הייבט זיך אָן מיט טאָן גנאָד — גאָט באַקליידט אָדם און חוה; און לאָזט זיך אויס מיט גנאָד — ער איז זיך מתעסק מיט משהס קבֿורה.

הלכה האָלט ניט אַז דער ריטואַל און צערעמאָניאַל און אויך דעם מענטשנס אויפֿפֿירונג בין אָדם לחבֿרו האָבן אין זיך אַ מיסטישן כּוח וואָס קאָן ווירקן אויף דעם טראַנסצענדענטאַלן כּוח וואָס פֿירט די וועלט אַז ער זאָל ווערן גוט צו אונדז. ניין, די הלכה מיינט די קאָנקרעטיזירונג פֿון גאָטס באַפֿעלן לויט די מענטשלעכע יכולתן און באַנעם, אַזוי אַז דער יחיד זאָל קאָנען רעאַליזירן אין זײַן טאָג־טעגלעכן לעבן די אידעאַלע וועלט וואָס גאָט האָט געהאַט בדעה אַז דער מענטש זאָל אײַנשטעלן, אַזוי אַז די געמיינדע, דער ציבור, זאָל ווערן אַ הייליקע געמיינדע.

די הלכה איז די גרונט־מאָראַל, דאָס איז דער יסוד פֿון דעם הלכהשן טייל פֿון תּלמוד און דער גרעסטער טייל פֿון די פּסוקים. אָבער בײַ דער אַגדה איז יעדער דין אַ גזירה וואָס דאַרף ניט קיין טעם, קיין דערקלערונג. דערפֿאַר איז דער אַגדהשער דין שטרענג, ניט־בייגעוודיק. ער בלײַבט אין זײַן גאַנצער שטרענגקייט אַפֿילו ווען ער שאַדט דעם קיבוץ. אָט זײַנען עטלעכע מוסטערן וואָס אילוסטרירן אונדזערע הנחות:

שבֿועה:

די אוראַלטע קבלה און אַגדת האָבן געקוקט זייער קרום אויף דעם ענין שבֿועה. „אמרי אינשי: בין זכּאי בין חייבֿ לשבֿועה לא תּועיל״ (ירושלמי, פּרק שישי, הלכה ה׳) — זאָגן מענטשן, עס מיינט אַן אַגדה, סײַ גערעכט, סײַ שולדיק, זאָלסטו אויף זיך ניט נעמען קיין שבֿועה. דער פּני משה טײַטשט אַזוי: „שצריך לשמור עצמו מהשבֿועה ואפילו כּסבֿור שזכּאי ואמת הוא, ולא תּכניס עצמך לשבֿועה״. איידער מען האָט געגעבן אַ שבֿועה צו עדות, האָט מען אויף זיי אָנגעוואָרפֿן אַן אימה מיט דראָונגען: דו זאָלסט וויסן אַז די גאַנצע וועלט האָט אויפֿגעציטערט ווען גאָט האָט אָנגעזאָגט אויפֿן באַרג סיני אַז „דו זאָלסט ניט שווערן צו פֿעלשן מיטן נאָמען פֿון גאָט״ (שמות כ׳, ז׳), ווײַל אויף אַלע עבֿירות האָט גאָט געזאָגט: ונקה — ער וועט פֿאַרגעבן, אָבער אויף אַ שבֿועה שטייט אין פּסוק: לא ינקה — ער וועט ניט פֿאַרגעבן (בבֿלי, שבֿועות ל״ח, ל״ט).

אין מדרש עשׂרת הדברות ווערט אָנגעזאָגט: „אַפֿילו אויף אַן אמת טאָר אַ מענטש ניט שווערן״. און אָט איז אַ מעשׂה: איינער אַ גרויסער גבֿיר

האָט קיין מאָל ניט גענומען קיין שבֿועה. פֿאַר זײַן טויט האָט ער איבערגע־לאָזט זײַן זון אַ צוואה אַז ער זאָל קיין מאָל ניט נעמען קיין שבֿועה, אַפֿילו אויף אַן אמת. נאָך דעם גבֿירס פּטירה, האָבן שווינדלער זיך דערוואוסט וועגן דער צוואה און זײַנען געקומען מאָנען געלט בײַם יורש. ער וואָלט געקאָנט שווערן און זײַן פּטור פֿון באַצאָלן, אָבער ער האָט ניט געוואָלט עובֿר זײַן אויף זײַן פֿאָטערס צוואה. דער סוף איז געווען, אַז די שווינדלער האָבן צוגענומען בײַ אים זײַן פֿאַרמעגן. גרויסע אומגליקן זײַנען דערנאָך געקומען אויפֿן יתום: ניט נאָר האָט ער פֿאַרלוירן די גאַנצע ירושה, נאָר מען האָט אים נאָך אַרײַנגעזעצט אין תּפֿיסה, ווײַל ער האָט ניט געקאָנט באַ־צאָלן וואָס אַנדערע שווינדלער האָבן פֿון אים געמאָנט. זײַן ווײַב האָט אים געוואָלט אויסליזן פֿון תּפֿיסה, האָט זי אָנגעהויבן גיין וואַשן פֿרעמדע גרעט. זי איז געווען זייער אַ שיינע, און ווען זי איז געגאַנגען וואַשן די גרעט פֿון מאַטראָסן אויף אַ שיף, האָבן די מאַטראָסן זי געפֿאַנגען און אַוועקגעפֿירט אין אַ ווײַטער מדינה. דער סוף איז אַ גוטער: גאָט באַלוינט דעם יתום פֿאַר זײַן ערלעכקייט (מדרשים קטנים מקובצים, סדורים ומוגהים על ידי י. ח. רבֿניצקי וח. נ. ביאַליק, ז״ז 77־78).

אָבער די הלכה האָט ניט אָנגענומען די האַרבקייט פֿון שבֿועה. ניט נאָר מעג מען שווערן, נאָר אין באַשטימטע פֿאַלן פֿון אַ דין־תּורה רעדט מען צו איינעם פֿון די בעלי־דין צו נעמען אַ שבֿועה. פּסקנט דער חושן משפּט (סימן ט׳, ו׳): „שכיר הבא להשבע״ — ווען אַ געדונגענער אַרבעטער קומט שווערן, מאַכט מען עס פֿאַר אים ניט שווער און מע דראָט אים ניט. עס איז אַ כּלל, אַז פֿאַר די וואָס קומען שווערן מאַכט מען עס פֿאַר זיי ניט גרינג, חוץ פֿאַר אַ געדונגענעם אַרבעטער, וועמען מע רעדט צו און מע זאָגט צו אים: „ערגער זיך ניט, שווער און נעם וואָס דיר קומט״ — „פּותחין לו תּחילה״.

גאָר אַן אינטערעסאַנטע ראַנגלעניש גייט אָן צווישן הלכה און אַגדה אין דעם ענין נידה.

דער טערמין „נידה״ אין זײַן אורשפּרינגלעכן זין מיינט: דערווײַטערט, אָפּגעזונדערט, פֿאַרוואָגלט. „שבֿעת ימים תּהיה בנדתה״ (ויקרא ט״ו, י״ט) — זיבן טעג זאָל זי זײַן אין איר אומריינקייט. מאַכט רש״י: זי זאָל זײַן דער־ווײַטערט פֿון באַרירונג מיט אַלע מענטשן, אַזוי ווי „ומתּבל ינדהו״ — (איובֿ י״ח, י״ח) — און פֿון דער וועלט וועט מען אים פֿאַרוואָגלען, דערווײַטערן.

די האַרבקייט און דעם טאַבו פֿון נידה אין די אַמאָליקע צײַטן באַשרײַבט דער רמב״ן זייער קלאָר אין זײַן פּירוש אויפֿן פּסוק וואָס רחל האָט געזאָגט צו לבֿנען: „זאָל ניט פֿאַרדריסן אין די אויגן פֿון מײַן האַר וואָס איך קאָן ניט אויפֿשטיין פֿאַר דיר ווײַל דער שטייגער פֿון ווײַבער איז איצט בײַ מיר״ (בראשית ל״א, ל״ה). זאָגט דער רמב״ן: „והנכון בעיני״ — די ריכטיקייט אין מײַנע אויגן איז, אַז אין אַמאָליקע צײַטן זײַנען די נידות געווען זייער דערווײַטערט. זיי האָבן ניט געטאָרט זײַן נאָענט צו מענטשן און האָבן ניט

געטאָרטריידן צו זיי, ווײַל גאָר אַמאָליקע מענטשן האָבן שוין געוואוסט אַז דער הויך זייערער איז שעדלעך.

איך וויל נאָך דערמאָנען, אַז זיי פֿלעגן זיצן אָפּגעזונדערט אין אַ געצעלט, וואוהין קיין מענטש האָט ניט געטאָרט אַרײַנגיין, ווי אונדזערע חז״ל האָבן דערמאָנט אין אַ ברייתא פֿון מסכתא נידה: „מע טאָר ניט אָנרירן קיין נידה. ר׳ נחמיה זאָגט, אַז אַפֿילו די רייד, עס מיינט, דער הויך וואָס גייט אַרויס פֿון איר מויל איז טמא. ר׳ יוחנן האָט געזאָגט, אַז מע טאָר ניט נאָכגיין אַ נידה און מע טאָר ניט טרעטן אויף דער ערד וואָס זי טרעט, ווײַל די ערד וואָס זי באַרירט איז טמא ווי די ערד פֿון אַ מת. מע טאָר אויך ניט הנאה האָבן פֿון איר אַרבעט. דערפֿאַר האָט רחל געזאָגט צו לבֿנען: ,דאַרפֿן דאַרף איך אויפֿשטיין פֿאַר מײַן האַר און קושן זײַנע הענט, אָבער איך בין אין נידה און טאָר זיך ניט דערנענטערן צו דיר און דו טאָרסט ניט אַרײַנקומען אין מײַן געצעלט, ווײַל דו טאָרסט ניט טרעטן אויף דער ערד וואָס מײַנע פֿיס האָבן באַטראָטן׳. און לבֿן האָט געשוויגן און האָט איר ניט געענטפֿערט, ווײַל מע טאָר ניט ריידן מיט קיין נידה, ווײַל אירע רייד זײַנען מטמא״.

אויף דעם פּסוק ויקרא י״ח, י״ט, „און צו אַ פֿרוי ווען זי איז אומריין אין איר נידה־צײַט זאָלסטו זיך ניט דערנענטערן אָפּצודעקן איר שאַנד״, ברענגט דער רמב״ן אַ סך „וויסנשאַפֿטלעכע״ ראַיות ווי שעדלעך און געפֿערלעך אַ נידה איז: „ווען זי וועט אַ קוק טאָן אין אַ שפּיגל, וועלן זיך אויף אים באַווײַזן רויטע פֿלעקן ווי בלוט, און אַוודאי אויף אַ פּאָלירטן גלאַנציקן מעטאַל, ווײַל די שלעכטע נאַטור, וואָס איז שעדלעך, וועט ברענגען אַ פּלאָג, און די שלעכטע לופֿט באַהעפֿט זיך מיט דעם שפּיגל־גלאָז״.

דעם רמבנס דערקלערונגען און די האַרבקייטן פֿון דער ברייתא וואָס ער ברענגט שטימען אַגבֿ מיט דעם באַגריף נידה אין דעם וועלט־פֿאָלקלאָר*.

אין דער גמרא גייט אָן אַ געראַנגל צווישן דער האַרבקייט פֿון דער אַגדה וועגן נידה, וואָס דערקלערט זי ווי אין חרם און דערוויטערט זי פֿון דער וועלט, און דער הלכה, וואָס האַלט פֿון תיקון העולם.

זאָגט די גמרא:

„תניא, היה ר׳ מאיר אומר — מיר האָבן געלערנט, רבי מאיר האָט געזאָגט: פֿאַר וואָס האָט די תורה אָנגעזאָגט אַז אַ נידה דאַרף זײַן אומריין גאַנצע זיבן טעג? ווײַל דער מאַן ווערט צוגעוואוינט צו זײַן מיט זײַן ווײַב און ער ווערט גלײַכגילטיק צו איר, האָט די תורה אָנגעזאָגט אַז זי זאָל זײַן אומריין זיבן טעג יעדן חודש וועט זי דערנאָך זײַן באַליבט בײַ אים ווי אין דעם טאָג פֿון דער חופּה״ (נידה ל״א ע׳ ב׳).

* זע דזשיימס פֿרייזערס פֿאַרקירצטע אויפֿלאַגע פֿון דהי גאָלדען באָו, ז׳ 606, און יהושע טראַכטענבערגס דזשואיש מעדזשיק ענד סופּערסטישאָן, ז׳ 185.

דאָ איז שוין נידה ניט קיין ענין פֿון טאַבו אָדער גזירה, נאָר פּשוט צוליב תּיקון העולם, צוליב אַ שיינעם משפּחה־לעבן.

נאָך קלאָרער ווערט עס אַרויסגעבראַכט אין דער פּלוגתּא צווישן ר׳ עקיבֿא און די זקנים. די אַמאָליקע זקנים האָבן געזאָגט:

„אַ נידה טאָר ניט צושוואַרצן די ברעמען, זיך אָפּפאַרבן דאָס פּנים, אָדער זיך אויספּוצן אין קאָלירטע קליידער. איז געקומען רבי עקיבֿא און האָט געזאָגט: אויב אַזוי, וועט איר זי דאָך פֿאַרמיאוסן פֿאַר איר מאַן און ער וועט זי אָפּגטן. אָבֿ, עס שטייט: ‚ודותה בנדתה׳, — אַז זי, וואָס איז קראַנק, אומריין, אין איר אָפּגעזונדערקייט? מיינט עס, זי זאָל בלייבן אומריין ביז זי וועט זיך טובֿל זיין“ (שבת ס״ד, ע׳ ב׳).

רש״י טייטשט, עס מיינט, אַז אַפֿילו נאָך דעם ווי איר נידה האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז זי ניט ריין ביז זי איז זיך טובֿל.

דאָ איז קלאָר, אַז די הלכה האָט ממש אָפּגעוואָרפֿן די אַגדהשע גלויבנס אַרום נידה. עס קאָן זיין אַז די הלכה, וואָס איז מקיל, איז אויפֿגעקומען נאָך דעם ווי פֿיל־ווייבערײַ איז געוואָרן אַ זעלטנקייט. ווען אַ מאַן האָט נאָר איין פֿרוי און זי וואָלט זיך אין צײַט פֿון נידה אין גאַנצן געמוזט אָפּשיידן פֿון אים און פֿון שטוב־לעבן, וואָלט געווען אוממעגלעך צו פֿירן די באַלעבאַטישקייט, מוז זי דעריבער זיין אין שטוב, דאַרף דער מאַן קוקן אויף איר, מוז זי זיך צו־פּוצן. אפֿשר איז אויך ניט קיין צופֿאַל וואָס רבי עקיבֿא איז דער מקיל, ער האָט געהאַט אַ סך דרך־ארץ פֿאַר דער פֿרוי.

ווי ווײַט די הלכה איז זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען מיט דער האַרבער טראַדיציע קאָן מען זען פֿון דער פֿאָלגנדיקער שקלא וטריא אין דער גמרא:

„האָט מען געפֿרעגט: מעג אַ נידה שלאָפֿן מיט איר מאַן אין איין בעט ווען זי איז אין אירע קליידער און ער אין זײַנע קליידער? האָט ר׳ יוסף געזאָגט: מען מעג דערלאַנגען צום טיש אַן עוף און קעז, וואָס ווערן אין איינעם ניט געגעסן. אַזוי זאָגט בית שמאי. בית הלל זאָגט: ניט מע מעג זיי דערלאַנגען אויף איין טיש און ניט מע מעג זיי עסן אין איינעם“ (שבת י״ג, ע׳ א׳).

דער דין בלײַבט טאַקע, אַז מאַן און ווײַב טאָרן ניט שלאָפֿן אין איין בעט ווען זי איז נידה, אַפֿילו ווען זי איז אין אירע קליידער, ווײַל איינער וועט ניט אָפּשטעלן אָדער ניט דערמאָנען דעם אַנדערן. דאָס איז אַ סיג. אָבער וואָס פֿאַר אַ מהלך פֿון דעם אור־טאַבו וועגן נידה ביז דער הלכה.

אָבער די אַגדה איז ניט צופֿרידן מיט אַזאַ קולא. באַלד טאַקע אויף דעם זעלביקן דף ברענגט די גמרא אַ מעשה, ווי איינער אַ למדן, אַ פֿרומער ייִד, איז געשלאָפֿן מיט זײַן ווײַב אין איין בעט בקרבֿת בשׂר, ניט איר נידה־צײַט, נאָר אין די שבֿעה נקיים, אין די זיבן טעג פֿון אַ זבֿה, וואָס טוט זיך אָן אין ווײַסן, כּדי צו זען צי זי בלוטיקט באמת ניט מער. דער למדן איז דערפֿאַר געשטאָרבן יונג. גאָט האָט אים געטייט.

דאָס איז נאָך וויניק פֿאַר דער אַגדה. קומען צוויי אמוראים און באַ־וואָרענען זיך, אַז חלילה וחלילה, ס׳איז ניט געווען בקרבת בשׂר. דאָס וואָלט דער למדן דאָך געוואוסט אַז מע טאָר ניט, נאָר זיי זײַנען געשלאָפֿן אין אַ ברייט בעט, האָט ער געמיינט אַז מע מעג. קומט אַן אַנדער אמורא און באַוואָרנט זיך נאָך מער: ניט קיין נאַקעטע איז זי חלילה געווען, זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ פֿאַרטעך, וואָס האָט צוגעדעקט איר נאַקעטקייט פֿון די לענדן אַראָפּ.

די זעלביקע מעשׂה איז פֿאַראַן אין אַן אַנדער וואַריאַנט אין תּנא דבי אליהו רבה, פּרק ט״ו, און אין אָבֿות דרבי נתן, פּרק ב׳. דאָרט שלאָפֿט ער מיט איר אָנגעטאָנערהייט אין איין בעט, ניט אין נידה־צײַט, נאָר אין די ימי הלבֿון, איידער זי האָט זיך געטובֿלט, און דאָך האָט גאָט אים געטייט... וואָס פֿאַר אַ מרחק צווישן דער אַגדה און דער הלכה!

די דינים אין שולחן ערוך זײַנען בלי ערך מקיל אין ענין נידה אין פֿאַרגלײַך מיט דער ברייתא וואָס דער רמב״ן האָט געבראַכט, ווײַל די ברייתא פֿאַרלאָזט זיך אויף עלעמענטן פֿון דער אַגדה. דערפֿאַר טאָר מען אַפֿילו קיין הנאה ניט האָבן פֿון דער אַרבעט פֿון אַ נידה. אָבער די הלכה זאָגט: „אַלע זאַכן וואָס אַ פֿרוי טוט פֿאַר איר מאַן, מעג זי אויך טאָן אין צײַט פֿון איר נידה, חוץ אָנגיסן פֿאַר אים אַ גלאָז און עס אַוועקשטעלן פֿאַר אים אויפֿן טיש, סײַדן זי טוט עס מיט אַ שינוי, אַנדערש ווי געוויינטלעך, למשל: דער־לאַנגען דאָס מיט דער לינקער האַנט, אָדער מאַכן אַן אַנדער ענדערונג״ (יורה דעה, הלכות נידה, קצ״ה, סעיף יוד).

דעם זעלביקן גרעאַנגל צווישן דעם גזר דין פֿון דער אַגדה און דעם געזעלשאַפֿטלעכן אײַנשטעל פֿון דער הלכה געפֿינען מיר וועגן דאַוונען.

די משנה אין ברכות (פּרק חמישי, משנה א׳) זאָגט סתם, אַז ווען איינער האַלט אין מיטן דאַוונען, טאָר ער ניט מפֿסיק זײַן און ענטפֿערן, אַפֿילו ווען דער מלך באַגריסט אים. ער טאָר ניט מפֿסיק זײַן, אַפֿילו ווען אַ שלאַנג וויקלט זיך אַרום זײַן קנעכל.

די הלכה פּסוקה לויט דער גמרא איז אַנדערש: מע טאָר ניט מפֿסיק זײַן נאָר ווען די שלאַנג איז ניט אויפֿגערעגט, ווײַל סתּם אַ שלאַנג בײַסט ניט. אָבער אויב אַן עקדיש פֿאַלט אָן, מעג מען מפֿסיק זײַן. ווען דער מלך וואָס באַגריסט איז אַ ייִדישער טאָר מען ניט מפֿסיק זײַן, אָבער ווען דער באַגריסער איז אַ גויִישער מלך אָדער שׂר מעג מען מפֿסיק זײַן, ווײַל עס איז פֿאַראַן אַ סכּנה. בכלל מעג מען מפֿסיק זײַן ווען עס שטייט פֿאַר אַ סכּנה, אָבער ניט ווען עס האַנדלט זיך וועגן געלט־פֿאַרלוסט (זע ברכות ל״ג און אורח חיים הלכות תּפֿילה ק״ז; זע אויך באר היטבֿ סעיף א׳).

דאָס איז דער דין, אָבער די אַגדתא נעמט אים ניט אָן. אַ פֿרומער ייִד וועט ניט מפֿסיק זײַן אַפֿילו צוליב אַ גויִישן מלך:

„תּנו רבנן, מעשׂה בחסיד אחד״ — אַ מעשׂה מיט אַ פֿרומען ייִדן, וואָס

האָט געדאַווענט און ס׳איז געקומען אַ גוייִשער שר און האָט אים באַגריסט און דער פֿרומער ייִד האָט אים ניט געענטפֿערט. פֿאַרשטייט זיך, אַז ס׳האָט זיך אויסגעלאָזט צו גוטן (ברכות ל״ב־ל״ג).

די אַגדה וויל ניט וויסן פֿון קיין פּשרות, אַפֿילו ווען עס קומט צו הצלת נפֿשות — צו ראַטעווען מענטשלעך לעבן.

זאָגט די תּוספֿתּא: „אַ מחנה ייִדן, וואָס גויִים האָבן געזאָגט צו זיי: גיט אונדז אַרויס איינעם פֿון אײַך און מיר וועלן אים טייטן, אויב ניט וועלן מיר אײַך אַלע הרגענען, זאָלן זיי זיך בעסער לאָזן אַלע אויסהרגענען און ניט אַרויסגעבן קיין ייִדישן נפֿש. אויב אָבער די גויִים האָבן אָנגעוויזן אויף איינעם פֿון זיי, אַזוי ווי יואָבֿ האָט אָנגעוויזן אויף שבֿע, דעם זון פֿון בכרי (שמואל ב׳ כ׳, כ״א), זאָלן זיי אים אַרויסגעבן, כּדי אַלע זאָלן ניט געהרגעט ווערן (ירושלמי, תּרומות, סוף פּרק שמיני; תּוספֿתּא, פּרק שבֿיעי).

די אַגדה איז ניט צופֿרידן פֿון אַזאַ פּסק דין:

„עולא, דער זון פֿון קושר, איז פֿון מלכות פֿאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, איז ער אַנטלאָפֿן קיין לוד צו ר׳ יהושע, דעם זון פֿון לוי.

„דער מלכות האָט געשיקט נאָך אים אַן אָפּטיילונג זעלנער, וואָס האָבן אַרומגערינגלט די שטאָט און געזאָגט צו די אײַנוואוינער: אויב איר וועט ניט אַרויסגעבן עולאַן, וועלן מיר חרובֿ מאַכן די שטאָט. ר׳ יהושע איז אַוועק צו עולאַן, האָט אים איבערגערעדט און אים איבערגעגעבן צום מלכות. אליהו הנבֿיא פֿלעגט אָפֿט זיך אַנטפּלעקן צו ר׳ יהושען. אָבער נאָך יענער געשע־עניש האָט אליהו זיך מער ניט באַוויזן. האָט ר׳ יהושע געפֿאַסט דרײַסיק טעג און אליהו האָט זיך צו אים באַוויזן. האָט ר׳ יהושע געפֿרעגט: רבי, פֿאַר וואָס ביסטו ניט געקומען? האָט אליהו אים געענטפֿערט: וואָס מיינסטו, איך וועל זיך חבֿרן מיט אַ מסור? האָט ר׳ יהושע געפֿרעגט: האָב איך דען ניט געטאָן על־פּי דין? האָט אליהו געענטפֿערט: איז עס אַ דין פֿאַר אמת־פֿרומע מענטשן? זאָל עס געטאָן ווערן דורך אַנדערע, ניט דורך דיר״ (ירושלמי, דאָרטן; אויך בראשית רבה, סדרה ויגש).

די הלכה פּסוקה איז לויט דער תּוספֿתּא וואָס מיר האָבן געבראַכט פֿון ירושלמי, און ניט לויט דער אַגדה (רמב״ם, הלכות יסודי התּורה, פּרק ה׳, סעיף ה׳, און יורה דעה, הלכות עבֿודת כּוכבֿים, קנ״ז א. די שקלא וטריא דאָרטן וועגן חייבֿ מיתה איז גענומען פֿון דער גמרא וועגן דעם ענין).

מע קאָן אָננעמען ווי אַ כּלל, אַז די אַגדה איז מער מחמיר ווי די הלכה. הלכה איז פֿאַר דעם דורכשניטלעכן מענטשן, אָדער די מעגלעכע קדושה, וואָס אַ מענטש קאָן דערגרייכן מיט דער געוויינטלעכער מענטשלעכער אָנ־שטרענגונג. די עטיק פֿון דער אַגדה איז דאָס אוממעגלעכע פֿאַר דעם דורכ־שניטלעכן מענטשן.

די עטיק פֿון דער אַגדה איז די אָפּשפּיגלונג פֿון די שטרענגע געבאָטן פֿון דעם טראַנסצענדענטאַלן גאָט, וואָס קאָן ניט האָבן קיין באַרירונג מיט

דעם מענטשן. ער גיט באַפֿעלן און דער מענטש מוז זיי אויספֿאָלגן און ניט פֿרעגן קיין פֿאַרוואָס. די הלכה איז די צופֿאַסונג פֿון די גזירות צו די עקסיס־טירנדיקע געזעלשאַפֿטן, צום ילוד אשה, וואָס האָט באַגרענעצטע כּוחות.

* * *

אַפֿילו אין די געציילטע פֿאַלן וואו אַגדה איז מקיל, וואַגט ניט די אַגדהשע הלכה צו באַהויפּטן אַז מע זאָל אָפּשאַפֿן די חומרא איצט. זי שטעלט עס אַרויס ווי אַן אידעאַל לעתיד לבֿוא. אַ גוטער מוסטער איז דער מערק־ווירדיקער מדרש וועגן ממזר:

„ושבֿתּי ואראה את כּל העשוקים אשר נעשים תּחת השמש" (קהלת ד׳, א׳) — און איך האָב ווידער באַטראַכט אַלע אונטערדריקונגען וואָס ווערן דורכגעפֿירט אונטער דער זון, און „והנה דמעת העשוקים ואין להם מנחם" — און אָט זײַנען די טרערן פֿון די באַעוולטע און ס׳איז ניטאָ ווער עס זאָל זיי טרייסטן. דניאל דער שנײַדער האָט אויסגעטײַטשט דעם דאָזיקן פּסוק אויף ממזרים: „דער טאַטע זייערער האָט געזינדיקט און וואָס זײַנען שול־דיק די דאָזיקע באַשעפֿענישן? דער טאַטע זײַנער האָט מזנה געווען מיט איינער פֿון די עריות און זי האָט אים געבוירן, וואָס איז ער שולדיק?" און דער פּסוק זאָגט ווײַטער: „ואין להם מנחם אלא מיד עושקיהם כּוח" (דער מדרש האָט צוגעשטעלט דאָס וואָרט אלא) — און ס׳איז ניטאָ ווער עס זאָל זיי טרייסטן נאָר פֿון דער האַנט פֿון זייערע אונטערדריקער וואָס האָבן מאַכט. וועמעס האַנט? דאָס מיינט מען פֿון דער האַנט פֿון דעם גרויסן סנהדרין פֿון ישׂראל, וואָס קומט אויף זיי, אויף די ממזרים, מיט דעם כּוח פֿון דער תּורה און דערווײַטערט זיי צוליב דער פּסוק „לא יבֿוא ממזר בקהל ה׳" — אַ ממזר טאָר ניט ווערן קיין טייל פֿון דער עדה פֿון גאָט (דבֿרים כ״ג, א׳). „ואין להם מנחם", — עס איז ניטאָ ווער עס זאָל זיי טרייסטן, דאַרף איך, גאָט, זיי טרייסטן. איצט, אויף דער דאָזיקער וועלט, האָבן ייִדן אין זיך פּסולת. אָבער לעתיד לבֿוא, האָט געזאָגט דער נבֿיא: „והנה מנורת זהבֿ כּולה" (זכריה ד׳, ב׳) — איך האָב ערשט געזען די מנורה איז אין גאַנצן פֿון ריינעם גאָלד. איך האָב געזען אַז גאַנץ ישׂראל, אַלע ייִדן, זײַנען ריין ווי גאָלד, ניטאָ אין זיי קיין פּסול (ויקרא רבה, סוף פּרשה ל״ב; קהלת רבתי, פּרק ז׳, ג׳).

דער „לעתיד לבֿוא" מיינט דאָ אי משיחס־צײַטן אי עולם הבא. דער ממזר וועט האָבן עולם הבא, אַפֿילו ווען ער איז דאָ אַן אַרויסגעשטויסענער.

די אַגדה קאָן ניט אָפּפֿרעגן קיין דין למעשׂה. ווען זי איז אַפֿילו מקיל, טוט זי דאָס „לעתיד לבֿוא", אָבער ניט למעשׂה, איצט.

ווי אַ כּלל, לערנט מען ניט קיין דין פֿון דער אַגדה. זאָגט הרבֿ ר׳ צבֿי הירש חיות: „ונשאר לנו עוד לדבר מעניני אַגדה — עס איז אונדז נאָך איבערגעבליבן צו ריידן פֿון דעם ענין אַגדה, וואָס איז אַ גרויסער טייל פֿון תּלמוד און אַ גרויסער צווײַג אין דער תּורה און איז צעשפּרייט אין דער משנה און אין די ברייתות און אין ביידע תּלמודים (תּלמוד בבֿלי און תּלמוד ירושלמי), און

הגם אין דער אַגדה זײַנען ניט פֿאַראַן קיין ענינים וואָס זײַנען מכריח און נייטיק פֿאַר הלכה און למעשה, איז אָבער דער ווערט פֿון דער אַגדה זייער און זייער וויכטיק גאָר פֿון אַן אַנדער צד" (מבוא האגדות, געדרוקט צו אַלע גוטע אויסגאַבעס פֿון עין יעקב).

דאָס איז בדרך כּלל. עס זײַנען אָבער פֿאַראַן גאָר, גאָר אַ סך אויסנעמען סײַ אין דער משנה און סײַ אין דער גמרא, וואו מע לערנט אָפּ אַ הלכה פֿון אַן אַגדה. אָט איז איין מוסטער:

אַ בת כּהן, וואָס האָט חתונה מיט אַ ישׂראל, וועט דער זיווג ניט גע־לינגען. וואָס וועט געשען? זאָגט ר' חסדא: זי וועט אָדער ווערן אַן אַלמנה, אָדער זי וועט אָפּגעגט ווערן, אויב ניט, וועט זי ניט האָבן קיין קינדער. ר' חסדא דרינגט עס אַרויס פֿון דער נאָענטקייט פֿון די צוויי פּסוקים וואָס אין ויקרא כ"ב, י"ג. דאָרט שטייט געשריבן: „אַ כּהנס טאָכטער וואָס וועט נעמען אַ מאַן אַ פֿרעמדן (עס מיינט, ניט קיין כּהן), טאָר זי ניט עסן פֿון דער הײ־ליקער תּרומה". באַלד נאָך דעם פּסוק קומט דער פּסוק י"ד: „און די טאָכ־טער פֿון אַ כּהן וואָס וועט ווערן אַן אַלמנה אָדער אַ גרושה און קיין קינדער האָט זי ניט". די נאָענטקייט פֿון די פּסוקים, זאָגט ר' חסדא, איז אַ סימן אַז דער שידוך פֿון אַ כּהנס טאָכטער מיט ניט קיין כּהן וועט ניט גע־לינגען. זי וועט ווערן אַן אַלמנה אָדער אַ גרושה, אָדער זי וועט ניט האָבן קיין קינדער, זי וועט בלײַבן אַן עקרה.

ס'איז דאָך קלאָר אַז עס איז אַן אַגדה, ניט קיין הלכה פּסוקה, ווײַל ווי קאָן מען אָפּפּסקענען אַז אַזאַ שידוך וועט ניט געלינגען? עס איז רײַנער פֿאָלקלאָר, אַן אַגדה, דאָך איז עס אַן אַסמכתּא אויף אַ דין פֿון רבי שמעון, וואָס זאָגט אַז אַזאַ סעודה איז ניט קיין סעודת־מיצווה און אַ תּלמיד־חכם טאָר פֿון איר קיין הנאה ניט האָבן. און ווי באַלד עס איז ניט קיין סעודת־מיצווה, קאָן מען אויסטײַטשן פֿון יענעם שטיקל גמרא, אַז אויב ער איז גע־גאַנגען צו אַזאַ סעודה און ער האָט פֿאַרגעסן צו פֿאַרברענען דעם חמץ, מוז ער זיך אומקערן און קאָן ניט מבטל זײַן דעם חמץ, ווי ער קאָן עס טאָן ווען ער גייט צו אַ דבר־מיצווה*.

דאָ איז קלאָר, אַז אַ דין ווערט אַרויסגעדרונגען פֿון אַן אַגדה. דאָס איז בלויז איין מוסטער, אָבער אין דער גמרא זײַנען פֿאַראַן אַ סך אַזעלכע פֿאַלן.

שפּעטער, נאָך די גאונים, ווען דער תּלמוד איז פֿאַרהייליקט געוואָרן, זײַנען אַ סך תּלמודישע אַגדות געוואָרן דער יסוד פֿון הלכות, ווײַל ראשית זײַנען סײַ אין דער גמרא און סײַ אין דער משנה די אַגדות ניט קיין באַ־זונדערע אָפּטיילונג. אַגדה און הלכה זײַנען אַזוי צונויפֿגעפֿלאָכטן, אַז גאַנץ

* זע פּסחים מ"ט, ע' א'; זע אויך רמב"ם „הלכות דעות", פּרק חמישי, הלכה ב' און דעם כּסף משנה אויף דער דאָזיקער הלכה. עס איז אַ הלכה פּסוקה, אַז ווען אַ בת־כּהן האָט חתונה מיט ניט קיין כּהן, עס מיינט אַ לוי אָדער אַ ישׂראל, איז די סעודת־אירוסין ניט קיין סעודת־מיצווה.

אָפּט איז שווער צו געפינען די גרענעץ צווישן זיי. די בעלי־התלמוד האָבן פון אגדה ניט געמאַכט קיין באַזונדער ספר און אַפילו ניט קיין באַזונדערע פּרקים. שנית, זיינען אַ סך פון די אגדות אַזוי אַריין אין האַרצן פון פאָלק און זיינען געוואָרן אַזוי באַליבט, אַז מ׳האָט זיי בשום אופן ניט געקאָנט איגנאָרירן. זעען מיר דערפאַר, אַז אַ סך אגדות זיינען געוואָרן הלכות פּסוקות. אָט זיינען עטלעכע פון זיי: זאָגן קדיש און די מערסטע מינהגים פון אבילות, בלאָזן שופר אין חודש אלול, אסתר תענית, כסא אליהו אויף אַ ברית, און פירן זיך ווי אַן אָבל אין דער צייט פון ספירה.

„עס קאָן זיין, אַז ווען די גאונים, אָדער איינער פון זיי, וואָלטן [געווען] אָפּגעטיילט די אגדות פון די הלכות אין תלמוד און וואָלטן [געווען] געמאַכט באַזונדערע ספרים אָדער איין ספר פון דער אגדה, וואָלט זיכער דער דאָזיקער ספר אגדה פאַררעכנט געוואָרן ווי איינער פון די ספרים חיצונים און מע וואָלט אויף אים גוזר געווען גניזה, מע וואָלט ניט דערלויבט אים אַראָפּצושרייבן אָדער איבערצודרוקן״ *.

די שפּעטערדיקע מחמירים, ווי ר׳ יעקב בן אשר, דער בעל־הטורים, אָדער ר׳ יוסף קאַרו, דער בעל־שולחן־ערוך, און די אַלע אחרונים, האָבן זיך נאָך מער פאַרלאָזט אויף אגדות און מינהגים, אָבער דאָס פרעגט ניט אָפּ דעם געדאַנק, אַז אגדה איז אַ פּועל־יוצא פון דעם טראַנסצענדענטאַלן באַגריף פון גאָט און אַז די הלכה איז דער פּועל־יוצא פון דעם באַגרענעצטן אַנטראָפּאָמאָרפיזם, וואָס די נביאים האָבן אונדז איבערגעגעבן.

ג.

וואָס מיינט הלכה פאַר אונדזער דור?

דער אָרטאָדאָקסישער קוק אויף הלכה איז וואָס מיר רופן „פונדאַמענטאַליסטיש״. יעדער דין, יעדער סיג לסיג, יעדער אַנגענומענער מינהג וואָס איז פאַרשריבן פון די ראשונים אָדער אחרונים, איז אַ געבאָט וואָס איז אונדז געגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיני דורך אַן איינמאַליקער התגלות. מיר קאָנען ניט און מיר טאָרן ניט מינערן, אָפּט אַפילו ניט צוגעבן עפּעס צו דעם קאָמפּלעקס הלכה, ווייל די אויטאָריטעט פון איצטיקע רבנים איז קליין לגבי אַמאָליקע פּוסקים, און אוודאי כלפּי די תנאים און אמוראים.

עס איז אַ כלל ביי די פרומע אָרטאָדאָקסן, אַז מיט יעדן דור ווערט דער מענטש גייסטיק קלענער. זיי נעמען אָן ווי אַ הלכה פּסוקה די אגדהשע מאַמרים פון דער גמרא: „טובה צפּורנן של ראשונים מכריסן של אחרונים״ (יומא ט׳, ע׳ ב׳) — דער נאָגל פון די אַמאָליקע איז וויכטיקער, גרעסער, פון

* זע באַריכות וועגן דעם ענין אין תולדות הפוסקים פון רב צעיר, חלק ראשון, ז״ז 24־29 ועד בכלל.

דעם גאַנצן לײַב פֿון הײַנטיקן מענטשן. אָדער: „אם ראשונים בני מלאָכים" — אויב די אַמאָליקע זײַנען געווען מלאָכים, זײַנען מיר, די הײַנטיקע, בלויז מענטשן, און אויב די אַמאָליקע זײַנען געווען מענטשן, זײַנען מיר ווי אייזלען, אָבער ניט אַזוי גוט און פֿרום ווי דאָס אייזל פֿון רבי חנינא, דעם זון פֿון דוסא, אָדער ווי דאָס אייזל פֿון רבי פנחס, דעם זון פֿון יאיר, נאָר ווי אַנדערע, פּראָסטע אייזלען (שבת קי"ב, ע' ב').

אַזאַ דעפּעטיסטישער און שיפּלותדיקער צוגאַנג צו זיך אַליין מאַכט די הלכה אַ צוואַנג־יאָקע. דער דאָזיקער צוגאַנג איגנאָרירט די רעאַליטעט פֿון איצטיקן טאָג־טעגלעכן לעבן און די פֿאַקטן פֿון געשיכטע.

עקסטרעמע גרופּעס זײַנען פֿאַראַן אין אַלע באַוועגונגען און אין אַלע אמונות. ביז אַ געוויסן גראַד זײַנען זיי אויך דערפֿאָלגרײַך. עס געפֿינען זיך אַלע מאָל יחידים וואָס גראַד דער עקסטרעמיזם איז פֿאַר זיי צוציִענדיק. אָבער פֿאַר דעם דורכשניטלעכן מענטשן פֿון אונזער דור איז די הלכה פֿון דער פֿרומער אָרטאָדאָקסיע אַ טויטער אות.

דאָך איז די וויכטיקייט פֿון דער פֿרומער אָרטאָדאָקסיע ניט אָפּצושאַצן. זי שטייט אויף דער וואַך און דערלאָזט ניט צו קיין האַסטיקע שינויים. איר תמימות און טיפֿע אמונה זײַנען שעפֿעריש. איר אָפּהיטן די אַלטע טראַדיציעס מיט אַלע פּרטים מאַכט פֿון אַלט ייִדישקייט אַ לעבעדיקן וועזן. איר אָפּגעבן זיך מיט לערנען תורה איז אַ קוואַל פֿאַר אמת־טיפֿער ייִדישער לומדות. מע טאָר זי ניט באַקעמפֿן און מע דאַרף זי שטיצן און העלפֿן אויפֿהאַלטן אירע אינסטיטוציעס. מע דאַרף נאָר זען, אַז די אָרטאָדאָקסיע זאָל ניט ווערן דער דאָמינירנדיקער כּוח אין ייִדישן לעבן. איר אומטאָלעראַנץ צו אַפּנייגער און קעגנער איז אַ מקור פֿאַר מחלוקת און צעריסנקייט.

די אולטראַ רעפֿאָרמערס זײַנען געגאַנגען צום צווייטן עקסטרעם, און האַלטן אַז דער גאַנצער ייִדישער ריטואַל איז ניט מער ווי אַ זאַמלונג פֿון צערעמאָניעס און טאַבוס אָן קיין שום אינערלעכע ווערטן.

אַזאַ צוגאַנג מאַכט צונישט די גאַנצע ייִדישע געשיכטע. אומזיסט זײַנען געווען אונדזערע לײַדן, נאַריש איז געווען אונדזער קידוש־השם, זינלאָז — אונדזער אויפֿהאַלטן זיך ווי אַן אומה. אַ פֿאַרשטיינערט רעשטל האָט זיך קרובֿ צו צוויי טויזנט יאָר געקלאַמערט אין נאַרישע, אָפּגעלעבטע און פּוסטע צע־רעמאָניעס און פּרימיטיווע טאַבוס און זיך געמאַטערט.

חוץ דעם, צו וואָס אויפֿהאַלטן איצט ייִדישקייט? די אַבסטראַקטע עטיק פֿון תּנ"ך איז געוואָרן דער קנין פֿון דער גאַנצער אייראָפּעיִשער ציוויליזאַציע. אָן תורה שבעל פּה, אָן הלכה, איז נישטאָ קיין ייִדישקייט. דאָס האָבן שוין לאַנג געוואוסט אונדזערע חז"ל. לאָמיר ניט גרינגשעצן קיין טיף היסטאָרישן געדאַנק בלויז דערפֿאַר וואָס ער איז אָנגעטאָן אין אַ רעליגיעזן לבֿוש.

זאָגט דער מדרש: גאָט האָט געזען, אַז די אומות העולם וועלן איבער־זעצן די תורה און וועלן זי לערנען אויף גריכיש און וועלן זאָגן: מיר זײַנען

די אמתע ייִדן, האָט גאָט געזאָגט צו די אומות העולם: איר זאָגט, אַז איר זענט מײַנע קינדער, אָבער איך ווייס, אַז נאָר די וואָס וויסן מײַנע סודות, מײַנע מיסטעריעס, זײַנען מײַנע קינדער. און וואָס זײַנען מײַנע סודות? די משנה און די הלכה (מדרש תנחומא, פרשת כי תצא, ל״ד).

נאָך קלאָרער ווערט עס אַרויסגעבראַכט אין דער ווערסיע פֿון שמות רבה: „די משנה, דעם תלמוד און די אַגדה וועל איך זיי געבן בעל פּה (ניט פֿאַרשריבן). ווען די אומות העולם וועלן קומען און פֿאַרשקלאַפֿן די ייִדן, וועלן זיי, די ייִדן, זײַן מובֿדלים מהם, אָפּגעזונדערט פֿון זיי״. (דצ״וו, פּרשה מ״ז, א׳).

אָן הלכה קאָנען ייִדן ניט לעבן קיין אייגנאַרטיק לעבן. אָן הלכה, בלויז מיט דער אַבסטראַקטער תּורה, מיט דער תּורה שבכתבֿ, קאָנען ייִדן ניט בלײַבן ספּעציפֿיש ייִדיש.

די אולטראַ־רעפֿאָרמערס, ווי עקסטרעמיסטן, קאָנען אויך האָבן אַ היפּשן דערפֿאָלג. עס זײַנען פֿאַראַן געניג ייִדן וואָס ווילן ניט נעמען אויף זיך דעם עול מיצוות און פֿירן אַ ייִדיש לעבן און דאָך ווילן זיי ניט ווערן קיין גויִים. דער דאָזיקער פֿליגל פֿון ייִדישקייט דערמאָנט זייער שטאַרק די יראי ה׳ פֿון דער צײַט פֿון פֿאַרן צווייטן חורבן. דאָס זײַנען געווען מענטשן וואָס האָבן ניט געוואָלט לעבן ווי געצנדינער און אויך ניט געהאַט דעם כּוח צו ווערן גאַנצע ייִדן.

די עקסטרעמע רעפֿאָרמערס זײַנען היסטאָריש וויכטיק, ווײַל זיי זײַנען געווען די ערשטע ייִדן וואָס זײַנען צוגעגאַנגען קריטיש צו דער ייִדישער אמונה און זײַנען געבליבן אין כּלל ישׂראל. זיי זײַנען געווען ביז גאָר אַ הויכן גראַד שעפֿעריש. זייער קעגנערשאַפֿט צו דאָגמאַטישער ייִדישקייט, וואָס איז דעמאָלט געווען דער איינציקער דאָמינירנדיקער כּוח אין ייִדישן לעבן, איז געווען זייער טרײַב־קראַפֿט. קיין פֿאָלקס־באַוועגונג איז דער עקסטרעמער רעפֿאָר־מיזם קיין מאָל ניט געוואָרן.

ייִדישע סעקולאַרע נאַציאָנאַליסטן־העברעיִסטן, ייִדישיסטן, און אַ גרויסער סעקטאָר פֿון די ציוניסטן, ווי אויך די רעקאָנסטרוקציאָניסטן, — אַ פֿליגל פֿון די קאָנסערוואַטיוון, — האַלטן, אַז הלכה איז פֿאָלקישקייט, הלכה איז אַ לעבנס־שטייגער, וואָס איר ציל איז קיום האומה, לאָיאַליטעט צום ייִדישן פֿאָלק. ייִדישע אמונה שטייט כּמעט אויסער די גרענעצן פֿון דעם באַגריף רעליגיע. פֿאַר אַ געוויסער צײַט האָבן אויך די טעאָרעטיקער פֿון די קאָנסערוואַטיוון באַרעכטיקט דאָס אויספֿאָלגן פֿון דער הלכה צוליב פֿאָלקישקייט.

ווי ווײַט אונדז איז באַקאַנט, האָט עס צום בעסטן פֿאָרמולירט אַבֿרהם גאָלאָמב: „אַזוי אַרום דאַרף מיר אָננעמען ייִדישקייט ווי עפּעס וואָס איז ניט קיין רעליגיע אין דעם אָנגענומענעם זינען. קודם־כּל האָט ייִדישקייט אַן אַנדער ציל — ניט פֿאַר גאָט, נאָר פֿאַרן פֿאָלק. דער ייִדישער גאָט פֿאַרלאַנגט פֿון זײַן פֿאָלק צו גלייבן אין פֿאָלק, ניט אין גאָט״. (זע זײַן: גאָט און געט־לעכקייט).

אַבֿרהם גאָלאָמב איז אַן עקסטרעמיסט אַפֿילו צווישן ייִדישע סעקולאַריסטן. אָבער אין זײַנע רייד הערט זיך דער אָפּקלאַנג פֿון אַ סך מאָדערנע ייִדישע דענקער וואָס גריבלען זיך אין מהות פֿון ייִדישקייט.

רבי מרדכי קאַפּלאַן, דער פֿירער און טעאָרעטיקער פֿון די רעקאָנסטרוקציאָניסטן, איז אידעיִש גאָר ניט ווײַט פֿון אַבֿרהם גאָלאָמב.

קאַפּלאַנס רעקאָנסטרוקציאָניזם האַלט, אַז לאָיאַליטעט צום ייִדישן פֿאָלק איז די הויפּט טרײַב־קראַפֿט פֿון ייִדישן קיום. ווי ייִדן, ווילן מיר אָנהאַלטן די קאָנטינויִטעט פֿון אונדזער עקסיסטענץ. דער אויסדרוק פֿון אונדזער עקסיסטענץ אין די תּפֿוצות איז דאָס ייִדישע קהילה־לעבן, אין אַלע אירע פֿאָזעס (מאָדערן פֿילאָסאָפֿיס אָוו דזשודאַיִזם, דזשייקאָב ב. אייגוס, ז׳ 319).

דער ערשטער וואָס האָט אַרויסגעבראַכט דעם דאָזיקן געדאַנק, איז געווען אחד העם, וואָס האָט געהאַלטן אַז ווײַל ייִדן האָבן געוואָלט לעבן ווי אַן אומה, זײַנען זיי געוואָרן אַנדערש. די גאַנצע ייִדישע עטיק, דער ריטואַל און צערעמאָניאַל זײַנען געווען ניט מער ווי מיטלען אויפֿצוהאַלטן דאָס ייִדישע פֿאָלק*.

אַזאַ באַנעם איז גאָר אַ שוואַכער יסוד פֿאַר דער אויפֿקלערונג פֿון דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פֿון ייִדישקייט און עס קאָן אַפֿילו ניט ווערן קיין מאָטיווירונג פֿאַרן קיום פֿון ייִדישן פֿאָלק.

ייִדישקייט צוליב קיום קאָן ניט אינספּירירן דעם מענטשן צו העכערע אידעאַלן. אויב דער קיום פֿון ייִדישן פֿאָלק איז דער עיקר, פֿאַר וואָס ניט אָננעמען די ברוטאַלע מיטלען פֿון דעם עקסטרעמען נאַציאָנאַליזם? קיום צוליב קיום נעמט אַוועק די גאַנצע קדושה און דערהויבנקייט פֿון ייִדישן לעבן. חוץ אַלעמען, אַ לעבנס־שטייגער וואַרפֿט ניט אַרויף קיין מוז אויף דעם מענטשן. און דער עיקר פֿון אַלע עיקרים — אונדזער געשיכטע לערנט אונדז אַז מיר האָבן אָפֿט פֿאַרוואָרפֿן אונדזערע נאַציאָנאַלע, ווי אויך קולטורעלע ווערטן, ווי למשל: שפּראַך, לאַנד, און אַפֿילו דעם ייִדישן אַלף־בית, מיר זײַנען אָבער געגאַנגען אויף קידוש־השם פֿאַר גײַסטיקע ווערטן**.

די וואָס האָבן אָנגענומען אַז די טרײַב־קראַפֿט אין דער ייִדישער געשיכטע איז געווען די אייגנאַרטיקע ייִדישע גאָט־אידעע און די קאָנקרעטיזירונג פֿון דער אידעע אין הלכה, האָבן אַ גרויסע שוועריקייט אַוועקצושטעלן הלכה אין צענטער פֿון אונדזער ייִדישן לעבן. זיי באַמרויִקט וואָס זיי קאָנען ניט אויפֿנעמען די אייגנאַרטיקע התגלות ווי אַ היסטאָרישן פֿאַקט. בלײַבט הלכה ניט מער ווי אַ לעגאַליזם.

„מיר האָבן אויפֿגעגעבן די אידעע אַז הלכה איז אויפֿגעקומען דורך התגלות ניט געקוקט אויף אַלע אויסטײַטשונגען און דערקלערונגען" (דצ"ו,

* מער באַריכות וועגן דעם זען: שלמה סיימאָן, ייִדן צווישן פֿעלקער, ז׳ 77.

** זע וועגן דעם ענין באַריכות: „אַ טעאָרעטישע איבערשאַצונג פֿון הלכה", פֿון רבי יעקבֿ ב. אייגוס: ראַביניקל אַסעמבלי פּראָסידינגס 1958, אויך די צוויי וויכטיקע מאַמרים אין זעלביקן קונטרס, פֿון רבי דזשעק דזשיי קאָהען און רבי אײַזיק קליין.

ז׳ 92). און „ווי באַלד אַז מיר גלייבן ניט אין דער טראַדיציאָנעלער התגלות און הלכה איז איינגעשטעלט געוואָרן דורך מענטשן, וואָס קאָנען מאַכן טעותים, איז הלכה ניט מער ווי אַ מענטשלעך־געשאַפענע, וואָס איז ניט חל אויף אונדז״.

פרעגט ר׳ יעקב ב. אייגוס: „אויב הלכה שטיצט זיך ניט אויף התגלות, ווי קאָן עמעצער נעמען ערנסט די באַהויפטונג אַז הלכות, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן צוליב אַ גזירה־שווה זיינען געטלעך? ווען מיר ווייסן אַז די גזירה־שווה האָבן צוגעטראַכט די גראַמאַטיקער פון אַלעקסאַנדריע כדי אויסצוטייטשן די גריכישע פאָעטן האָמער און העסיאַד?״ (דצ״וו, ז׳ 83).

די גאַנצע שוועריקייט קאָן באַזייטיגט ווערן, אויב מיר וועלן אויפנעמען די גאָט־אידעע און די הלכה־אידעע קולטור־היסטאָריש.

ווי מיר האָבן דערקלערט באַריכות אין אילוזיע און וואונטש (אידישער קעמפער, נ״י, פסח־נומער, תשי״ט), איז די דערקענונג פון אַ כוח, גאָט, אויסער דער וועלט און אויסער דעם מענטשן, אַן אייביקער אמת. די פאָרמע, די אַטריבוטן, זיינען ציימעסיקע און זיי בייטן זיך.

אַזוי אויך מיט הלכה. הלכה איז אַ ספעציפיש יידישע אידעע, וואָס שטיצט זיך אויף דער עקסיסטענץ פון אַ כוח וואָס פירט די וועלט צו אַ תכלית, אָבער די פאָרמע פון דער קאָנקרעטיזירונג פון הלכה און ספעציפישע דינים זיינען ציימעסיקע און בייטן זיך.

הלכה איז די געטלעכע אידעע צו קאָנקרעטיזירן דעם רצון פון גאָט אויף אונדזער וועלט. „די נבואה האָט געפאָדערט אַ רעכטפאַרטיק לעבן דורך אויספירן גאָטס באַפעלן. די חכמים זיינען געקומען צו לערנען און איינחזרן די דאָזיקע פאָדערונג און זי מאַכן פאַר דעם קנין פון פאָלק״ (ד״ר נחום גלאַצער).

די תורה און די נבואה האָבן געגעבן דעם פאַרוואָס, און די הלכה האָט געגעבן דעם ווי אַזוי.

די נביאים האָבן זיך דערטראַכט דורך התגלות, אָדער, אויב איר ווילט, דורך דער געטלעכקייט אין מענטשן, אַז גאָט איז אַ טראַנסצענדענטאַלער כוח איבער דער וועלט און אויסער וועלט און מענטש. ער איז אַ גאָט וואָס איז כולל אַלץ. ווען אָבער די נביאים זיינען געקומען צום מענטשן, האָבן זיי געמוזט אָנקומען צום אַנטראָפאָמאָרפישן באַגריף. אויב ניט, וואָלט גאָט געבליבן אַן אַבסטראַקציע, וואָס האָט ניט קיין שום באַרירונג מיטן מענטשן און מיט דער וועלט. אָט אַזוי האָבן אויך די חכמי התלמוד געמוזט אָנקומען צו די מיטלען פון לאָגיק און נעמען צו הילף אַפילו די גראַמאַטיקער פון אַלעקסאַנדריע, כדי איינצושטעלן די הלכה, דעם אויסטייטש פון גאָטס ווילן.

עס איז גאַנץ נאַטירלעך, וואָס אַ טייל הלכה האָט אין זיך דעם וועלט־בליק פון דער צייט, ווען זי, די הלכה, איז געשאַפן געוואָרן, און האָט אין זיך אויך די אָבערגלויבנס און די באַגרענעצונגען פון יענער צייט.

דאָס דאַרף ניט מינערן פֿון דעם עצם וויכטיקייט פֿון דער הלכה. נאָר די וואָס האַלטן אַז הלכה שטאַמט פֿון אַן איינמאַליקער התגלות קאָנען אָפּוואַרפֿן די גאַנצע הלכה צוליב אירע צײַטמעסיקע עלעמענטן.

דער מענטש איז באַגרענעצט אין זײַן באַנעם. אַפֿילו ווען דאָס געטלעכע אַנטפּלעקט זיך צו אים דורך זײַן אינטויִציע, וואָס איז בלויז אַן אַנדער וואָרט פֿאַר התגלות, נעמט ער עס אויף לויטן קולטור־היסטאָרישן מצבֿ פֿון זײַן צײַט. אָבער דאָס פֿאַרלייקנט ניט די אייביקייט פֿון דעם גאָט־אמת און די הלכה, וואָס איז די אָפּשפּיגלונג פֿון דעם זעלביקן אמת. דער עצם געדאַנק, די אידעע פֿון הלכה, איז אייביק, אָבער דער לבֿוש איז צײַטמעסיק, אָט ווי אַ סך באַגריפֿן אין תּנ״ך אַפֿילו.

אָט איז אַ ספּעציפֿישער מוסטער פֿון אַן אַנאַכראָניזם אין דעם רײנעם ייִדישן גאָט־באַגריף:

אין תּנ״ך, און נאָך מער קלאָר אין דער שפּעטערדיקער תּורה, און איבער הויפּט אין די מיטלאַלטערישע מוסר ספֿרים און פֿילאָסאָפֿישע אָפּהאַנדלונגען, איז די שײַכות צווישן מענטש און גאָט ווי צווישן אַן אונטערטאַן און אַ מלך, אָפֿטער נאָך ווי צווישן קנעכט און האַר. מיר האַלטן ניט פֿון אַזאַ הכנעה. איז וואָס? מינערט עס פֿון דער גרויסקייט פֿון תּנ״ך? קאָנען מיר ניט האָבן קיין יראת ההתרוממות פֿאַר גאָט? אין יענע צײַטן איז דער פֿאַרגלײַך געווען רעאַליזם. הײַנט מוזן מיר עס נעמען סימבאָליש. אויב ניט איז עס אַן אַנאַכראָניזם.

ווען מיר זאָגן אַז מיר דאַרפֿן צוגיין צו הלכה פֿון קולטור־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט, מיינט עס ניט אַז מיר דאַרפֿן אָנהייבן רעפֿאָרמירן און אָפּוואַרפֿן וואָס אונדז געפֿעלט ניט אין הלכה. עס מיינט נאָר, אַז מיר דאַרפֿן ניט אָננעמען אַז הלכה איז אַן אָפּגעשלאָסענע סיסטעם, אַ פֿאַרענדיקטער פּראָצעס. מיר דאַרפֿן פֿאַרשטיין די צײַטמעסיקייט פֿון יעדער הלכה. דער אָפּקלײַב וועט שוין במילא קומען.

איין מוסטער: די פֿרוי אין דער ייִדישער אמונה. אין אַמאָליקע צײַטן איז די פֿרוי געווען פֿאַררעכנט פֿאַר אַ סך אַ נידעריקערן מענטש ווי דער מאַן. דערצו איז זי שטענדיק געווען פֿאַרשלייערט און פֿאַרהילט און אָפּגעזונדערט פֿון דער מענערשער סבֿיבֿה. פֿאַרשטייט זיך, אַז יעדער שטיקל נאַקעטקייט פֿון איר קערפּער האָט געררייצט און געוועקט די מענערשע תּאווה. זאָגט די גמרא: „קול באשה ערוה" — דאָס קול פֿון אַ פֿרוי איז ווי די שאַנד. „כל המסתכל באצבע קטנה של אשה כאלו מסתכל במקום התורף" — דער וואָס קוקט אויף דעם קלענסטן פֿינגער פֿון אַ פֿרוי איז גלײַך ווי ער וואָלט געקוקט אויף דער שאַנד. „טפח באשה ערווה" — איין טפח אָפּגעדעקט בײַ דער פֿרוי איז ווי אַ שאַנד (ברכות כ״ד, ע׳ א׳).

פֿאַרשטייט זיך, אַז מ׳האָט אַזאַ באַגריף וועגן דער פֿרוי, קאָן זי ניט אָנטייל נעמען אין אַלע פֿונקציעס פֿון ייִדישן ריטואַל צוזאַמען מיטן מאַן.

פסקנט דער שולחן־ערוך, לויט אַ גמרא: „הכל עולין לשבֿעה״ — מע קאָן יעדן איינעם אויפֿרופֿן צו דער תורה און אים פֿאַררעכענען פֿאַר איינעם פֿון די שבֿעה קרואים, אַפֿילו אַ פֿרוי אָדער אַ מינדעריעריקן וואָס ווייסט פֿאַר וואָס מע מאַכט די ברכה. אָבער די חכמים האָבן געזאָגט: „אשה לא תקרא בציבור מפני כבֿוד הציבור״ — אַ פֿרוי טאָר ניט לייענען אין ציבור צוליב דעם כּבֿוד פֿון ציבור (שולחן ערוך, קריאת התורה ומפטיר בשבת; אורח חיים רפ״ב, סעיף ג׳; רמב״ם, „הלכות תּפֿילה״ פּרק י״ב, סעיף י״ז; מגילה כ״ג, ע׳ א׳).

דאָס איז אַן אַנאַכראָניזם, ווײַל הײַנטיקע צײַטן איז די פֿרוי ניט פֿאַרהילט און ניט פֿאַרשלייערט, ניט אָפּגעשלאָסן און ניט אָפּגעזונדערט. זי נעמט אָנטייל אין אַלע געזעלשאַפֿטלעכע טעטיקייטן. מע ווערט ניט נתפּעל פֿון איר אָפּדעקן אַפֿילו מער פֿון אַ טפֿח, און אַוודאי און אַוודאי איז ניט קיין באַליידיקונג פֿאַר אַן עולם, ווען אַ פֿרוי וועט עולה לתּורה זײַן. פֿאַרקערט גאָר, הײַנטיקע ייִדן פֿילן זיך באַליידיקט וואָס פֿרויען ווערן אָפּגעטיילט פֿון מענער בײַם דאַווענען.

פֿאַראַן אַ סך אַזעלכע בײַשפּילן אין הלכה.

ווי מיר האָבן פֿריִער באַמערקט, איז הלכה, אָדער איר גרעסטער טייל, די פֿאַרקערפּערונג פֿון גרופּע־עטיק. גרופּע־עטיק בײַט זיך. דער ענין פֿון „ניט טאָרן״ און „מעגן״ איז אַ קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו, אַ גזירה, אַ באַפֿעל פֿון אַ טראַנסצענדענטאַלער מאַכט. לויטן ייִדישן באַנעם, איז דאָס אַן אייביקע אידעע. אָבער די דעטאַלן, וואָס מע מעג און וואָס מע טאָר ניט, ווענדן זיך אין דער צײַט און אין דעם אָרט.

דער דאָזיקער באַגריף וועגן הלכה מינערט ניט איר הייליקייט אָדער איר געטלעכקייט. פֿאַרקערט, אַזאַ הלכה איז דינאַמיש און גיט אונדז אַ וועג צו קאָנקרעטיזירן די נבֿיאימשע ייִדישקייט און גיט אונדז די זכיה זיך צו דערנענטערן צו געטלעכקייט דורך אויספֿאָלגן גאָטס געבאָטן און טראָגן דעם יאָך פֿון ייִדישקייט.

צוליב היסטאָרישע סיבות האָבן מיר פֿאַרוואָרפֿן די גאַנצע הלכה. מיר האָבן אָנגענומען דעם אַנאַכראָניזם ווי דעם עצם הלכה און האָבן באַשלאָסן אַז גאַנץ הלכה איז ניט מער ווי די שיריים פֿון אַ פֿאַרגליווערטער שבֿט־קולטור. איצט, אַז מיר האָבן זיך אָפּגעוואוינט פֿון דער דיסציפּלין פֿון הלכה, איז אונדז שווער צוריקצונעמען אויף זיך דעם יאָך. אָבער אויב מיר ווילן פֿאַרשטיין דעם אינערלעכן געטלעכן זין פֿון דעם גרויסן אויפֿטו פֿון הלכה, וועלן מיר זיך אָנהייבן צוריק איבערדערציִען. ס'איז אַ שווערער און לאַנגער פּראָצעס פֿון זוכן, פֿאָרשן, איבונג און רגילות. אָבער צוליב צוריק דערזען די קאָנקרעטיזירונג פֿון דעם געטלעכן געבאָט, וועט זײַן כּדאי דער אינערלעכער איבערבראָך און די אָנשטרענגונג.

אדר ראשון — סיון תּשי״ט.